STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06739

# KH'TU DERMONEN

Jacob Glatstein

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יעקב גלאַטשטיין

# כ׳טו דערמאָנען

וועלט-פאַרבאַנד פון די בערגען-בעלזענער

WORLD FEDERATION OF THE BERGEN BELSEN ASSOCIATIONS


כ'טו
דערמאָנען
יעקב גלאַטשטיין
„יזכור פרייז" ביבליאָטעק
פאַרלאַג בערגען בעלזען
וועלט פאַרבאַנד פון די בערגען בעלזענער

# I SHALL RECORD

by JACOB GLATSTEIN

© Copyright 1967 by Jacob Glatstein

"REMEMBRANCE AWARD" LIBRARY

Bergen Belsen Memorial Press

New York — Tel Aviv

*World Federation of Bergen-Belsen Associations, Inc.*
*P.O. Box 333, Lenox Hill Station*
*New York, N. Y. 10021*

צו די בערגען־בעלזענער:

מיט אייערע געזעענע און באַהאַלטענע
סימנים אָן אַ צאָל,
זענט איר אַ גרעסערער נס
ווי אין דעם יחזקאל־טאָל.
וואָס פאַר אַ יידישער כוח
אין אייערע אויפגעגאַנגענע ביינער:
ניט נאָר הויט צו הויט, ביין צו ביין,
לייב צו לייב,
נאָר מענטש צו מענטש, מאַן צו ווייב,
דורך פרייד און געוויין,
דורך צער איינגעשטעלטן.
ס'מורמלען לעבעדיקע ווינטן
אַרום אויף־ס'נייאיקע הויזגעזינדן,
אויפגעשלאָגענע געצעלטן.

דאָס יידישע פאָלק איז דאָס איינציקע פאָלק אין דער גאַנצער וועלט־געשיכטע, וואָס האָט אין משך פון פינף יאָר פאַרלוירן זעקס מיליאָן מענטשן, צווישן זיי אַנדערטהאַלבן מיליאָן קינדער. די זעקס מיליאָן זיינען נישט געפאַלן אין מלחמה, נאָר אויסגע'הרג'עט גע־וואָרן, נאָך די שווידערלעכסטע מאָראַלישע און פיזישע עינויים.

דאָס יידישע פאָלק איז דאָס איינציקע פאָלק אין דער וועלט, וועמענס הונדערטער טויזנטער יתומים האָבן פאַרלוירן גאַנצע משפחות וואָס זיינען פאַרטיליקט געוואָרן. דאָס יידישע פאָלק איז דאָס איינציקע פאָלק אין דער וועלט, וואָס ציילט הונדערטער טויזנטער באָבעס, זיידעס, טאַטעס, מאַמעס, שוועסטער, ברידער, ווייבער און קינדער, וואָס זיינען נישט געשטאָרבן מיט אַ נאַטירלעכן טויט, נאָר זיי זיינען דערשאָסן אָדער פאַרגאַזט געוואָרן.

דאָס דייטשע פאָלק איז דאָס איינציקע פאָלק אין דער וועלט, וואָס האָט אַנטוויקלט אַן אָפענע מאָרד־אינדוסטריע אויף אַ ריזיקן מאסשטאַב און הונדערטער טויזנטער בירגערס זיינען געווען אַקטיוו באַטייליקט אין דער מעטאָדישער אויסראָטונג פון זעקס מיליאָן אומשולדיקע מענטשן.

דאָס דייטשע פאָלק איז דאָס איינציקע פאָלק אין דער וועלט, וועמענס הונדערטער טויזנטער קינדער, וואָס זיינען געבוירן געוואָרן נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה, האָבן אַ טאַטן, אַ זיידן, אָדער אַ נאָענטן קרוב וואָס איז געווען אַ מערדער און נישט גלאַט אַ מערדער אין רוצחישן הייסן בלוט, נאָר אַ וויסנשאַפטלעכער מערדער, וואָס האָט געאַרבעט לויט אַן אָנגענומענער און פּינקטלעך־אויסגע־רעכנטער סיסטעם אומצוברענגען מיליאָנען אומשולדיקע מענטשן.

צווישן אַזעלכע צוויי פעלקער, דייטשן און יידן, עקזיסטירט דערפאַר אַ ספּעציעלער חשבון, וואָס טאָר קיינמאָל נישט אָפּגעמעקט ווערן: צווישן די קרובים פון קרבנות וואָס זיינען אַפילו צו קבר ישראל נישט געקומען און די דירעקטע לעבעדיקע מערדערס אָדער אָפּשטאַמיקע פון די אַלע וואָס האָבן מיט פרייד געאַרבעט פאַר דעם שרעקלעכן אומברענגען; צווישן די קרובים פון די ניט־געשטאָר־בענע נאָר דער'הרג'עטע און צווישן דעם פאָלק, פון די צענדליקער

טויזנטער פּאָליטישע באַפעלערס, אָרגאַניזירערס און אַקטיווע אויס־פּאָלגערס פון דער גרויסער אויסראָטונג.

אַז מען רעדט וועגן אַן אַנדער דייטשלאַנד, קלינגט עס ווילד. ווי אַנדערש קאָן ווערן אַ פאָלק, מיט אַזאַ משא פון רציחה אויף זיין אָקאָרשטיקער געשיכטע, וואָס ליגט אויף די פּלייצעס פון קינדער און קינדס קינדער. דאָס האָט גאָרניט צו טאָן מיט געטלעכער זינד־פאַרעכענונג, נאָר ס׳רעדט זיך וועגן הונדערטער טויזנטער דייטשישע בלוט־באַפעלקטע הייזער, וואו דער רוצח לעבט נאָך, ממש אין אַלע ווינקעלעך און איז געקנופּט און געבונדן מיט טויזנטער אַנדערע רוצחים־משפּחות.

און טאָמער רעדט מען וועגן פאַרגעבונג — ווי קאָן זיך אַ לעביע־דיקער ייד דערוועגן צו פאַרגעבן? האָבן אונדז די אויסגעוואָרצלטע שטאַמען מתיר געווען מוחל צו זיין און פאַרגעסן?

* * *

ס׳קומט אַ דאַנק די בערגען־בעלזענער וואָס האָבן באַשלאָסן אויפצוזאַמלען אַלע חורבן־לידער פון מיינע לעצטע זעקס לידער־ביכער און זיי געבן איין דאַך. דאָס זיינען נישט קיין לידער וואָס קאָנען אויסנעמען ביי דער קריסטלעכער וועלט, ווייל זיי דערהייבן זיך נישט און ווילן זיך חלילה נישט דערהייבן איבער דעם וואָס דאָס דייטשע פאָלק האָט געטאָן צו יידן. די קריסטלעכע וועלט פון פאַרגעבונג איז די וועלט פון גרינגען איבערגאַנג צו טאָג־טעגלעכקייט, ווייל ס׳וואַרטן שוין נייע באַשלאָסענע רציחות אויפן גרויסן מאָס־שטאַב, וואָס מ׳וועט, ווען די צייט וועט קומען, מוזן שענקען נייע פאַרגעבונג.

אָבער צום גרינגסטן איז די קריסטלעכע וועלט איבערגעשוואומען די פאַרטיליקונג פון יידישן פאָלק, מיט גלייכגילטיקע און פאַר־קיזלטע הערצער אין פאַרשיידענע פּאָליטישע און דיפּלאָמאַטישע באַטראַכטונגען, וואָס האָבן גיך פאַרמעקט דאָס גרעסטע פאַרברעכן פון אונדזער אומגליקלעכער צייט און איבערגעלאָזט דערפון בלויז עטלעכע טעאַטער־שפּילן אויף צו פאַרווײלן.

די זאַמלונג פון אַלע מיינע חורבן־לידער האָבן איך אָנגערופן — „כ׳טו דערמאָנען״, נישט נאָר ווי אַן אָנשפּאַר אויף אלה אזכרה, נאָר אויך פשוט כדי צו געדענקען און דערמאָנען אַז מ׳טאָר נישט פאַרגעסן. כ׳האָב אָנגעהויבן שרייבן די חורבן־לידער מיט די ערשטע שפּירונגען פון יידיש וועטער אין יידישע ביינער, מיט דעם פאָר־אויסזע, אַז דאָס אומגליק טראָגט זיך אויף אונדז — אויסגע׳חשבונ׳־

טע רציחה פון מיליאָנען יידן, מיט פילאָזאָפיש־קולטורעלער גוט־הייסונג פון דייטשן פאָלק און טאָטאַלער גלייכגילטיקייט צו אונדזער גורל פון אַלע אַנדערע פעלקער. ווו זיינען דעמאָלט געווען די בערנאַרד שאָס, די בערטראַנד ראַסלס, און אַפילו די רוזוועלטס און טשוירטשילס? די גערעכטע מלחמה האָט זיך אויך נישט אומגעקוקט אויף אונדזער בראָך.

כ׳טו דערמאָנען, ווען געדענקען אַזוי לאַנג ווי כ׳וועל לעבן, ביים שלאָפן־גיין און אויפשטיין. אַלע לידער אין דער זאַמלונג זיינען די פאַרצייכענונגען פון דערמאָרדעטע טעג און נעכט, וואָס רעכענען זיך כמעט נישט אין סכום פון געלעבטע יאָרן.

כ׳טו דערמאָנען, אַז יידן טאָרן קיינמאָל נישט פאַרגעסן — אשר עשה לך גרמניה.

**יעקב גלאַטשטיין**

# אינהאַלט

## אַ גוטע נאַכט, וועלט


אַ גוטע נאַכט, וועלט | 12
וועגענער | 14
לתרצ״ט | 15
האָסט חרוב געמאַכט | 17
בירגערקריג | 19
די נאַכט האָט זיך צעבליט | 20
אויפן יאַטקעקלאָץ | 22
לובלין, 1941 | 25
צום טאַטן | 28
גלויביקער וואַרטער | 31
גאָט איז אַ טרויעריקער מהר״ל | 33
דאָ בין איך קיינמאָל נישט געווען | 34
געטאָ ליד | 36
מיליאָנען טויטן | 38
אונדזער ציכטיק לשון | 40
גרויסע וועלט פון שטילן וואונדער | 43


## שיר — אַ געזאַנג


שיר — אַ געזאַנג | 48
יזכור | 50
דער עלפטער | 52
רויך | 53
נאַכטלידער | 54
נישט די מתים לויבן גאָט | 58
אל תדין | 61
אָן יידן | 66
מיין וואָגל־ברודער | 68
הייליקער נאָמען | 71
אַ וואָרט אין מויל | 73
מיין טאַטע יצחק | 74
דער זיידע ענזל וועקט זיך | 75
מיין ברודער בנימין | 77
ווידערשטאַנד אין געטאָ | 79
דער וועלט־בויך | 82
מיין קינדס־קינדס פאַרגאַנגענהייט | 85
פסוקים | 87
אונדזער טאָגנדיקע נאַכט | 90
לובלין, מיין הייליקע שטאָט | 91

## געטלעכע צייט

געטלעכע צייט | 94
כ׳וועל זיך איינגלויבערן | 96
לידער פון שטילקייט | 98
פאָרט אַ ייד | 103
די לודמירער מויד קומט צוריק פון וויסטן וואָגל | 104
דער דייטש טראַכט | 106
וויפיל קריסט | 108
דער גוטער ייד טענהט זיך אויס | 109
באַלאַדע | 112

## גאָט׳ס דאָרן

גאָט׳ס דאָרן | 116
קיינער | 117
אָפּשפּאָר | 118
וואויל־דערצויגענע | 119
קינות אויף די נשמות פון יידישע שטעט | 120
אָפּגענאַרטע | 124
אין אַ געטאָ | 125
אַ זון | 127
גראָזן | 128
הימלער־מוזיק | 130
די לעבנגעבליבענע | 131
בלויז קול | 132
פאַרברענטער יש | 133
אבלים | 135
ייִנגעלע | 136
וואָלקן־ייד | 137

## ר׳ לוי יצחק׳ס קול

ר׳ לוי יצחק׳ס קול | 140
יידעלע | 141
נישט אונדזער וועלט | 142
דער רייטער | 143
זעקס טויזנט יידן | 144
צום טאַטן אויף יום טוב | 145
כ׳טו דערמאָנען | 148


אַ גוטע
נאַכט,
וועלט

## אַ גוטע נאַכט, וועלט

אַ גוטע נאַכט, ברייטע וועלט.
גרויסע, שטינקנדיקע וועלט.
נישט דו, נאָר איך פאַרהאַק דעם טויער.
מיט דעם לאַנגן כאַלאַט,
מיט דער פייערדיקער, געלער לאַט,
מיט דעם שטאָלצן טראָט,
אויף מיין אייגענעם געבאָט —
גיי איך צוריק אין געטאָ.
וויש אָפּ, צעטרעט אַלע גע׳שמד׳טע שפּורן.
כ׳וואַלגער זיך אין דיין מיסט,
לויב, לויב, לויב,
צעהויקערט יידיש לעבן.
חרם, וועלט, אויף דיינע טריפה׳נע קולטורן.
כאָטש אַלץ איז פאַרוויסט,
שטויב איך זיך אין דיין שטויב,
טרויעריק יידיש לעבן.

חזיר׳ישער דאַטש, פּיינטלעכער ליאַד,
עמלק גנב, לאַנד פון זויפן און פרעסן.
שלאַברע דעמאָקראַטיע, מיט דיינע קאַלטע
סימפּאַטיע־קאָמפּרעסן.
אַ גוטע נאַכט, עלעקטריש צע׳חוצפּה׳טע וועלט.
צוריק צו מיין קעראָסין, חלב׳נעם שאָטן,
אייביקן אָקטאָבער, דריבנע שטערן,
צו מיינע קרומע גאַסן, הויקערדיקן לאַמטערן,
מיינע שמות, מיין סוואַרבע,
מיינע גמרות, צו די האַרבע
סוגיות, צום ליכטיקן עברי־טייטש,
צום דין, צום טיפן מיין, צום חוב, צום גערעכט,
וועלט, איך שפּאַן מיט פרייד צום שטילן געטאָ־לעכט.

אַ גוטע נאַכט. כ׳גיב דיר, וועלט, צושטייער
אַלע מיינע באַפרייער.
נעם צו די יעזוסמאַרקסעס, ווערג זיך מיט זייער מוט.
קראַפּיר איבער אַ טראָפּן פון אונזער געטויפט בלוט.
און איך האָב האָפן אַז כאָטש ער זאַמט זיך,
גייט אויף טאָג־איין־טאָג־אויס מיין וואַרטן.
ס׳וועלן נאָך רוישן גרינע בלעטער
אויף אונדזער בוים דעם פאַרקוואַרטן.
איך דאַרף קיין טרייסט נישט.
איך גיי צוריק צו דלד אמות,
פון וואַגנערס געץ־מוזיק צו ניגון, ברומען.
כ׳קוש דיך, פאַרקאָלטנט יידיש לעבן.
ס׳וויינט אין מיר די פרייד פון קומען.

אפּריל, 1938

# וועגענער

מיט שטילע צייכנס פון ווייט
קומען אָן פאַרנאַכט טרויעריקע וועגענער.
ס'שטייען אויפגעפראַלט די טירן,
נאָר אינערגעץ וואַרט נישט קיין באַגעגענער.
ס'דאָרף איז רואיק, ס'קלינגען גלאָקן פון שטילקייט.
ס'בייגט זיך געהאָרכיק יעדער גרעזל
אונטער צעצונדענער קילקייט.
עטלעכע קראַנקע יידן קריכן פון די וועגענער אַראָפּ
און ס'פּלאָנטערט זיך אַ קלוג וואָרט
אין יעדן פאַרטראַכטן קאָפּ.
גאָט, אויף דיין וואָגשאָל פון גוטס און פון שלעכטס
שטעל אַוועק איצט אַ טעלער וואַרעם געקעכץ,
אָדער גיב כאָטש אַ וואָרף
אַביסל האָבער פאַר די מאָגערע פערד.
ס'ווערט פינצטערער די טויטקייט פון דאָרף.
אַ גרויזאַמע שטילקייט באַפאַלט די יידישע בערד
און איינער אין אַנדערנס אויגן דערזעט
ווי ס'שוידערט אויף מיט שרעק אַ געבעט —
אַז ס'וועט קומען דער טויט
זאָל איך נאָר נישט בלייבן דער לעבעדיקער איינער.
פאַרזע מיך נישט מיט מיינע דינע ביינער.

יוני, 1938

## לתרצ״ט

ס׳ווערט אונדז אָרימער דאָס לעבן און קלענער די וועלט,
געמינערט אונדזערע פריינט, צעָלפּאַך אונדזערע שונאים.
אומדערבאַרמיק איז די נאַכט צום חולה,
אונדז איז אויך בייטאָג די זון פאַרשטעלט,
אַ פלוך האָט געטראָפן ווי אַ דונער יעקב׳ס געצעלט,
עס ווערט אונדז איינגעשרומפן די וועלט.

זע ווי אַ סך מיר זיינען, אונדזערע אָפּטריניקע זיינען מיט אונדז,
דער פיינט האָט זיי אָנגעיאָגט אינמיטן אַנטלויפן.
פאַרנעם זייער שוויגן. ס׳איז אויך אונדז שוין דאָס וויינען
ווידערוויליק.
אָבער הער ווי דער מערדער האָט באַפוילן: פאַרטיליק!

ס׳פאָרן נאַשפּיץ אונדזערע פאַרלענדער,
זיי האָבן אונדזער גאַנצן גלות אונטערגעצונדן פון אַלע זייטן.
מיר זיינען אין אַ כאַפּקע, די אָנרייצער טייטלען אויף אונדז
מיט די פינגער און זאָגן:
אָט איז די שולד פון אַלע פּלאָגן.

וועג־גייער ציען פאַרביי און שמועסן אַפילו נישט מיט די ליפּן.
צי איז אימיצנס בראָך אַזוי ווי אונדזער?
ווייל אויך זיי זיינען באַלאַסטיקט און צעטראָטן,
קריכן זיי נאָך טיפער אין זייער שוויגן ווי די קראָטן.

צו ווענען זאָלן מיר אויפהייבן די אויגן,
ס׳איז די וועלט איצט רשע אָדער קרבן.
און אינצווישן אַ האָז וואָס האָרכט צום מינדסטן שאָרכן
און באַוויינט דעם אמת וואָס איז געשטאָרבן.

אונדזער דלות האָט אַ גילדענע ראָם,
פאַרגינען זיי אונדז נישט דאָס לעבן.
מיר וואָלטן שוין אונדזערע ראָטשילדס אַוועקגעגעבן.
אָבער אַפילו אונדזער יידענע מיט באָב
איז זיי גרויס אין די אויגן.
אויך זי האָט ביי זיי דאָס בלוט אויסגעזויגן.
זע ווי זיי רייסן אונדז פון מויל דאָס פיסנע ברויט.
קלאָגן מיר דעם קלאָג פון הונגער־טויט.

פרעמדע סלונע געשלונגען פון פרעמדע פעלקער.
איצט וועט די זיפּ אונדז איבערזיפּן.
זיי וועלן די גאַנצע וועלט פאַרשרייען —
זיי זיינען זעמל־מעל, מיר דאָס קלייען.
עס איז זייער יום־טוב פון איבערהיפּן.
אויף אונדזערע טירן די געלע פאַרבן.
מיר, די בכורים, מוזן שטאַרבן.

אַלע גוטע קריסטן שלאָפן,
נאָר מיין הויז איז וואַך.
קריסטל, קריסטל, אַז וואויל איז דיר,
ס׳וועט דער משחית טרעפן צו מיין טיר.

דער הימל איז הימל צו גאָט,
די ערד האָסטו איבערגעענטפערט אין רשע׳ס האַנט,
ער זאָל שאַלטן און וואַלטן.
זאָל דער הימל זיך שפּאַלטן,
אָדער עפן פאַר אונדז כאָטש אַ קליין פענצטערל פון רחמים,
ווייל מיר זיינען צו אויסראָטונג אויסגעשטעלט.
ס׳ווערט אונדז אָרימער דאָס לעבן און קלענער די וועלט,
עס ווערט אונדז ענגער די וועלט.

## האָסט חרוב געמאַכט

האָסט חרוב געמאַכט די ניסים׳דיקע וועלט,
די קינדערשע, די געזאַנגיקע.
ס׳וויקלט זיך אַ פינצטערניש אַ שלאַנגיקע,
מיט פאַרגיין בלוטיקן אַלע שויבן.

כ׳האָב שוין גע׳טענה׳ט צום שטיין מיט גלויבן,
געהאַקט דעם שטיין מיט אומטרוי פון אַ שמייכל,
און אַלץ קיין טראָפן וואַסער נישט צו קריגן.
(די לבנה שפּאַצירט שוין אַרויס פון איר זילבערן געצעלט,
אַזוי זאָל אויך דיין מזל שיינען אויף דער וועלט —
פלעגט דער טאַטע מיך פאַרוויגן.)

די נאַכט האָט מיר גאָרנישט צו דערציילן,
די טעג זיינען פאַרשעמטע, צעטראָטענע.
די גזלנים זיינען אַרויס פון די היילן
און שפּאַנען הפקר אויף וועגן פאַרבאָטענע.

איך זינג צו דער נאַכט, אָבער זי שווייגט.
איך רוף דעם טאָג, נאָר ער פּאַטשט מיך פאַרביי,
ס'זשאַווערט די לאַנגווייל און ס'שטייגט
די מורא פאַר דער תפיסה'דיקער פריי.

האָסט חרוב געמאַכט די וואונדערדיקע וועלט.
די גלויבלעכע, די פאַרנאַכטיקע.
ס'צעטיילט אונדז אַ שנאה אַ פאַרדאַכטיקטע,
אַלע שיינע שפּרוכן באַמיסטיקן די גאַסן.

די מיידלעך גיפטיקן מיט די אָפּצאַסן,
נאָר ס'ווערט דער ליבער גיפט אין מיינע אָדערן צעוואַסערט.
דער בליץ פון אויג צו אויג ווערט אַ ליגן.
(די לבנה שלאָפט שוין אין איר זילבערן געצעלט.
דאָס פייגעלע האָט זיך פאַר אַ קאַנטשיק פאַרשטעלט —
פלעגט דער טאַמע מיך פאַרוויגן.)

טרויעריקע נאַכט, ס'האָט דיך אַ פייל אין סאַמע האַרץ
געטראָפן.
ביסט טויט און קאַלט און פאַרשטיינערט.
שוין וויפיל שעה'ן און קיין מעשה'לעך זיינען זיך
נישט פאַרלאָפן —
ס'האָט זיך שעה אין שעה פאַרציינערט.

ס'איז מיאוס דאָס מענטשלעכע לשון, פאַרפרוירן וואַרימע רייד.
פון מויל צו מויל בלאָזט אַ ביטערע קעלט.
האָסט צוגענומען פון אונדז די זינגענדיקע פרייד.
חרוב האָסטו געמאַכט די ניסים'דיקע וועלט.

מערץ, 1939

## בירגערקריג

וועסט איבער מיר נישט געוועלטיקן,
מיין ברודער קין.
אין יעדער דור וועל איך מיט דיר דעם קאַמף באַנייען,
ביז ס׳וועט אַמאָל פאַרמענטשט ווערן דער טרויעריקער וואַלד.
מיין טויט הערשט איבער דיר און איבער דיין שלעכץ.
פאַרשוועכט האָסטו אונדזער יונגע ברודערשאַפט.
די מאַמע וויינט ביי אונדזערע ליידיקע בעטן,
ווייל דו ביסט אַרויס אין פעלד זיך פאַרוועטן,
מיט אייגן פלייש־און־בלוט —
וואָס איז ליכטיקער, פינצטערניש צי ליכט,
וואָס איז האַפטיקער, שלעכט צי גוט?
אַז איך וועל זיין טויזנטמאָל טויט,
וועסטו אַלץ זיין טויטער,
און דיך וועט אָפּמעקן דער טאָג
און מיר וועלן לעבעדיקע שטעלן בליענדיקע מאָנומענטן.
ס׳זעצט מיין קרבן דיר אין די נאָזלעכער.
ס׳איז פאַרנאַכט און ערב־לעבן און ערב־פרייד.
הער, ווי מען זינגט אין שלאַכט לעבן אונדזערע היימען,
דאָס זינגט די פרייד פון טויט וואָס האָט אַ מאָרגן.
אָבער היינט, ברודער קין,
איז די נאַכט קיינעמס און דאָס שטיקל ערד איז קיינעמס.
הער זיך צו ווי ס׳קלאַפּט דאָס ערלעכע האַרץ פון אַ לאַנד.
די נאַכט בליצט מיט ליכטיקע ביקסן.
באָמבעס פלאַנצן געוויקסן אין רואינען,
וואָס נישט זיי גרינען,
נאָר גייען אויף אין דערשראָקענעם רויט.
קינדער זיינען שטיל.
און אַז קינדער זיינען שטיל
איז מורא׳דיק שטיל.

## די נאַכט האָט זיך צעבליט

הער ווי מאָרד
ווערט גערימט און געגרויסט.
הער דעם הייל
צום בלוטיקן פויסט.

מיט דעם הייזעריקן
האָרסט ווּעסעל געזאַנג,
איילט זיך אַ פאָלק
צום אונטערגאַנג.

די נאַכט האָט זיך צעבליט
ווי אַ בלאָטער אויף אַ קאַרק.
אַ צעיוכעטער זיגער
שטייסטו אינמיטן מאַרק.
ס'איז פינצטער דיר דיין לעבן,
געפינסט זיך נישט קיין אָרט.
וואַרטסט און וואַרטסט און האָפסט
אויף מיינס אַן איינציק וואָרט.
אָבער איך לאַך דיר אין פנים
מיט אַ טויט געמיט.

(ווי אַ מיאוסער בלאָטער
האָט זיך די נאַכט צעבליט.)
איך פייניק דיך מיט שווייגן.

דו זוכסט אין מיינע אויגן
אַ טרייסטוואָרט אָדער אַ שעלט.
ס'שטיקט דיך דער רויך
פון מיין פאַרברענטער וועלט.
וויינסט, דו טרויעריקער מערדער,
רעוועסט אויף אַ קול.
זוכסט ביי דיין קרבן
אַ שותף צו דיין עול.
אָבער איך בין שוין געגעזן
פון דיין לעצטן קלאַפּ.
איך בין שוין אָפּגעוועזן
און דו ביסט אַלץ נאָך דאָ.
אין מיינע פאַרגלייזטע אויגן
איז פאַרשפּיגלט דיין לעצטע שעה.
אַ פריידיקע רואיקייט
האָט זיך אַרום מיר צעגליט,
(ווי אַ מיאוסער בלאָטער
האָט זיך די נאַכט צעבליט) —
איך פייניק דיך מיט שטילקייט.

אויף דעם הענכסטן מויער
גיי אַרויף און פאַרשעלט
אַ לאַכנדיק פּנים
אַ רואיק געצעלט.

מען דאַרף נישט, מען דאַרף נישט.
אין פריידיקן כאָר,
הערסטו די גסיסה
פון אַ לעצטן דור.

יאַנואַר 1939

# אויפן יאַטקעקלאָץ

ס'האָט זיך אַביסל געטאָן נעכטן אַרום מיר,
ווען איך בין געשטאַנען אַ צעדאַמטער
אויפן יאַטקעקלאָץ ווי אַ קנעכט צום פאַרקויפן.
אָט איז דער מאַן, האָבן אַלע געטייטלט,
וואָס פאַרדינט אונדזער רחמנות.
אמת, האָט געקוויטשעט אַ מויל אויף שרויפן,
ער איז אַ שטיקל שווינדלער און גאָרגלשניידער,
און מען דאַרף אים קוקן אויף די לעפקע פינגער.
אָבער ווער אויב נישט מיר, האָבן אים געשטויסן
צו די פרנסות וואָס זיינען גרינגער.

אוודאי איז ער אַליין אַ נבזה
און אַ פלעק אויף אונדזער משפחה,
האָט אַ צווייטן, פון גרויס מיטלייד,
אַ טרער געוואָרגן דעם גאָרגל.
נאָר שווער צו פאַרגעסן דעם הייליקן ספר,
וואָס זיינע עלטערעלטערן האָבן אונדז געלאָזט בירושה,

פאַר די צען פאַרזאָגן אַליין
דאַרף מען מיט אים טאָן חסד
און פאַרטראָגן דעם דאָזיקן קריכער,
לומפּ, הורנזון און מאַרעוויכער.

גיט אַ קוק אויף זיין הויקער,
טאַפּט מיר אַן אַלטע מויד דעם צעביילטן רוקן,
דאָס איז פון זיצן, קוקן אין ביכלעך,
און שאַרפן דעם מוח ווי אַזוי צו יידלען.
נאָר זידלען דאַרפן מיר זיך אַליין,
וואָס מיר האָבן אים נישט געטריבן
צו די שווייסיקע פּאַכן,
ווי קאָפּען קאַרטאָפליעס, שטיינער האַקן,
האָט ער, שטאָט דעם נאַקן, איינגעשפּאַנט דעם קאָפּ,
ווי אַן אָקס אין דער סאָכע,
אַלעמען איבערגע'שכל'ט
און צוגענומען ביי אונדז יעדן גראָשן.

און הערט ווי ער בעבעט זיין לשון,
ווי ער פּראַוועט באַזונדערניש אויף אונדזער ערד,
פאַר וועלכער מיר האָבן געפּאָכטן.
האָרכט ווי ער ריטשעט וואָס מען האָט זיין ברודער געשאָכטן,
קוקט ווי ער מאַכט אונדז דאָס לעבן מיזעראַבל,
צערטלט מיך אַ באַסאָוווער ליבעראַבל, —
ס'וואָלט שוין לאַנג פון אים קיין זכר נישט געבליבן,
ווען מיר וואָלטן אים שטאָט האַסן געטאָן ליבן,
און געעפנט פאַר אים, דעם אויסדערוויילטן,
דעם שטאָלצן, אונדזערע אָרעמס —
אונדזערע קירכן וואָלטן אים שוין לאַנג צעשמאָלצן.
מיר פאַרגעסן — פאַרענדיקט ער, מיט אַ גלח'ישן קנאַק, —
ס'האַנדלט זיך נישט אין כסדר פראַסקן זיין צוויטע באַק,
נאָר אויפשטעלן אומדזערע אַנטקעגן זיינע
איינגעוואָרצלטע געמיינהייטן.

ס'האָט זיך אַ שיין ביסל געטאָן נעכטן אַרום מיר,
צווישן די יאַטקעס.

כבין געשטאַנען אין הוילן העמד און צעפּליקטע גאַטקעס,
און זיי האָבן מיר געטרייבערט די אָדערן
מיט פאַרטיידיגאַכץ;
פאַרענטפערט אַזוי וואויל אַלע מיינע נידריקע אינסטינקטן,
אַזוי שיין געזונגען מיר א זכות
פון מיינע פרומע זיידעס וועגן,
אַז דער יאַטקעקלאָץ האָט אַזש גענומען שפּריצן מיט טרערן.
אַ פרומע אַלטיטשקע האָט איבער מיר געמאַכט אַ צייכן
אין דער לענג און אין דער ברייט,
און אַלץ אַרום האָט גענומען נישט ווערן.

איך בין געבליבן אַליין אונטער אַ הימל פון קעלטעניש.
די שייקע איז אַרויס פון באַהעלטעניש
און איך האָב פאַרמאַכט די אויגן.
די קלעפּ זיינען מיך שוין נישט אָנגעגאַנגען.
איך האָב מיט אַ סקרוך געדענקט
ווי זיי האָבן זיך פאַרזאַמלט,
אַרום דעם יאַטקעקלאָץ דעם רונדן,
ווי זיי האָבן געבלעקערצט איבער מיין צענערעגט לייב,
און ווי די בינען איינגעגעסן דעם האָניק אין מיינע וואונדן.

האָסט פאַרלאָשן איין שטערן, צוויי, דריי,
דיין גאַנצע צעליכטיקטע פּראַכט.
גאָט, וואָס טו איך דאָ איינער אַליין,
אין דיין אייביקער נאַכט.

יוני, 1939

## לובלין, 1941

די נאַכט בליט מיט אַ טרויעריקער שטילקייט.
אַן אלול־קילקייט ווינטלט אין בית־מדרש
פון אַן אויסגעהאַקטער שויב.
פלוצים וואָגלט דורך דער פינצטערניש אַ וואַרים געוויין,
ווי דאָס וואָרקען פון אַ טויב.
דאָס טוט די מוטער רחל וויינען אויף אירע קינדער.
כ'ווייס אַז אַצינדערט פאַרגיסט זי אויך באָכן טרערן
פונוועגן מיר.
ביטער איז איר געוויין,
ווייל פאַרשלעפּט האָט מען מיין טאַטנס געביין
און די מאַמע מיינע איז נעבעך אַזוי יונג געשטאָרבן.
וואָלט איך זיך אַליין אין קבר אַריינגעקלאָגט,
נאָר פאַרן טויט האָט זי מיר פאַרזאָגט:
דו, הערשל, לעב, וועסט דעם טויט ניט פאַרזאַמען.
לעב איך. מען ברויך פאָלגן אַ מאַמען.
האָב איך נאָך אַ לאַנג שטיקל וועג ביז ז'עם לעצטן פאָר.
כ'בין קוים אַלט עלף יאָר.

מיין חבר שלמה׳לע, וואָס וואַלגערט זיך לעבן מיר
אויף דער באַנק אין רבי׳נס בית־מדרש,
איז נאָך קיין גאַנצע ניין ניט געוואָרן
און שוין האָט זיך אויף אים אויסגעגאָסן גאָטס צאָרן —
ער איז אויך אַ קיילעכדיקער יתום.
זיצט ער אַצינדערט און גיט זיך ניט קיין ריר,
הערט ער אויך איצטער ווי די מוטער רחל
וויינט אויף אים און אויף מיר.
מיין חבר שלמה׳לע הוסט, ער איז נעבעך זייער שלאַף.
ער זאָגט ער וועט גאָר אינגיכן שטאַרבן.
ער וויל ביי מיר נעמען תקיעת כף,
איך זאָל מיטשטאַרבן ווי אַ געטרייער חבר.
אַבער מיר האָט דאָך די מאַמע
בפרוש פאַרן טויט פאַרזאָגט :
דו, הערשל, לעב, ועסט דעם טויט ניט פאַרזאַמען.
לעב איך. מען ברויך פאָלגן אַ מאַמען.

בייטאָג דרייען מיר זיך אַלע אַרום פאַרפאַטשטע.
ס׳האָט יעדער איינער זיין בינטל צרות.
מען האָט נאָר וואָס פאַרזייט אַביסל אייגנס
אויפן בית־הקברות.
ס׳איז יעדער איינער נישטדאָגעדאַכט אַ יתום אָדער באַקלאָגער.
און פונדעסטוועגן ווי מאָגער ס׳איז יעדערנס ביסן,
פאַרגעסט מען ניט אָן שלמה׳לען און אָן מיר.
מען טיילט אונדז צו ס׳לעפל געקעכץ.
צווישן אונדז דרייט זיך אַרום מיט טויזנט אויגן
דאָס מערדערלעכע שלעכץ.
מיר שלינגען דאָס ביסל עסן מיט טרערן.
מען האָט מורא אויסצואָטעמען אַ וואָרט,
נאָר ס׳איז אונדז דאָס רעדן פאַרשפאָרט —
גאַנץ קהל׳ס ווייטיק שרייט צום זיבעטן הימל.
ס׳יעלה׳ט, ס׳וויל דערמאַנען.
אפשר האָט מען אָן אונדז חלילה פאַרגעסן.
עד מתי, גוואַלד ביזקאלע וואַנען!

נאָר מיין חבר שלמה'לע איז שטיל.
ס'איז רואיק זיין געלע מראה.
ער האָט ניט קיין מורא צו שטאַרבן,
ער ווייסט אַז פאַר אַ יתום מאַכט מען אויבן
אַ גאַנצע וואַרע און אַ גרויסן פאַראַד.
דוד המלך שפּילט אויף זיין פידעלע,
טאַטע־מאַמע טאַנצן אַנטקעגן מיט געזאַנג
און צדיקים אין די קרוינען
פלעסקען צו מיט די הענט.
און ס'האָפּקען מלאכים'לעך, און ס'טאַנצן זיידע־באַבע,
און אַז מען איז גאָר זוכה, איז גאָטבעכי אַליין
גיט אַזאַ יתומ'ל אַ ברוך הבא.
ס'איז שוין נאָך חצות.
דער אַלטער רב זלמן לענט זיך אונטער ס'האַרץ מיט אַ ספר.
ס'קען שוין, זאָגט ער, לאַנג ניט געדויערן,
ער וועט דורכברעכן מויערן און קומען.
טאָמער זיינען נאָך פאַראַן מניעות, שטרויכלונגען,
טאָמער בילט נאָך דער מקטרג, וועט ער מוזן שטומען.
רב זלמן שווערט זיך ס'איז שוין משיח אויפן וועג,
ס'וועט אים גאָרניט העלפן, ער וועט מוזן קומען.
העטביים בית־עולם רויטלט זיך און שיילט זיך
נאָך אַ דערשראָקענער טאָג.
מיין חבר שלמה'לע איז איינגעשלאָפן ווי אַ פייגעלע אַ קראַנקס.
איך גלייך זיך אויס די ביינער פון דער האַרטער באַנק.
שוין ווידער די מורא פאַר דער ליכטיקער שיין.
ווידער מוז מען לעבן אונטער דער בייטש פון מערדערלעכן שלעכץ.
ווידער ניט דערעסן, ניט דערשלאָפן,
ווידער האָפן און וואַרטן פאַרשטיינערט,
מיט לעצטע כוחות איינהאַלטן דאָס חיות
פון הויט און ביינער.
ווייל די מאַמע האָט שטרענג פאַרזאָגט :
דו, הערשל, לעב, וועסט דעם טויט ניט פאַרזאַמען.
לעב איך. מען ברויך פאָלגן אַ מאַמען.

## צום טאַטן

ווען איך האָב נאָך געשטעלט די ערשטע ווערטער,
האָסטו מיך שוין געכאָוועט אויף מענדעלין און פרוגן.
ווי ווייַן געצערטער אין קרוגן
איז געוואָרן פאַר מיר דאָס יידישע וואָרט.
גאַנץ אָפּט בין איך געזעסן אַ פאַרקלערטער
איבער אַ ליידיק בייגעלע פאַפּיר
און געזיפט דיין פרייד,
ווען דו האָסט געקוקט אויף מיר און געשעפטשעט צופרידן —
ס׳וואַקסט אַ שרייבער ביי יידן.

און אַז דו האָסט געזאָגט ביי יידן,
האָב איך געזען ממש ווי דו כאַפּסט מיך אויף די הענט,
און ברענגסט מיך מיט שמחה פאַר אַ בראַנדאָפּפער.
וואַרטסט ביז דיין קרבן זאָל געבן דעם האַלדז אַ שטרעק
און ווערן פאַרברענט.
גיי, דו שנעק, צו דיין פאָלק.

ביסט, אמת, נישט מיין ערשטגעבאָרענער, מיין ערשטקראַפט.
אָבער כ׳האָב דיך אין צער דערוואָרבן.
צוויי זיינען פאַר דיר געשטאָרבן,
צווייטאָל האָב איך געזאָגט גאָט האָט גענומען
וואָס ער האָט געגעבן.
ביסט דער פאַרדרייפאַכטער זאַפט פון מיין לעבן.

וויפיל מאָל, טאַטע, האָסטו גאָלדפאַדענס לידלעך
מיר אין שלאָף אַריינגעשפּונען.
אַוועק זיינען שוין די יוגנט־טעג, דאָס לעבן צערונען,
האָסטו מיט אייגענע ווערטער מער געקרעכצט ווי געזונגען.
אָבער ביים האַלב־אַריינגעדרייטן לאָמפּ
און ווענט פאַרשאָטנט מיט וויגנדיקע געשטאַלטן.
האָסטו פון מיר דיין שמייכל נישט געקאָנט באַהאַלטן.
האָסט לעבן מיר אַוועקגעלייגט דיין קאָפּ דעם מידן,
און ס׳האָט אויפגעלויכט דיין פרייד און שטאָלצער חלום —
ס׳וואַקסט אַ שרייבער ביי יידן.

איז היינט דיין יום־טוב,
און ס׳איז גרייט פאַר דיר דער אויבנאָן.
נאָר ס׳איז נישט פריידיק,
ווען איך גיב זיך אַ דערמאָן
אַז דיין כסא איז ליידיק.
איך זיץ גאַנצע טעג אומזיסט ביים באָרטן.
מיין ביסל גליק דערגרייכט נישט צו דיין האַרבעריק,
און ס׳קומען נישט קיין שיפן פון דאָרטן.

שיק איך, טאַטע, אַ גרוס פון אַזויפיל יידן,
צו דיר אַהין, קיין לובלין.
אונדזער טרייסט דאַרפסטו נישט.
לייענסט נאָך יעדן כעלות דעם חק לישראל.
האָסט נאָך אַלץ א לעבעדיקן טאַטע־פאָטער אויבן.
איז דיין בטחון פעלז און שטאָל.
שעפּסטו גאַנצע עמערס גלויבן.
צו מיר שרייבסטו אַ גרוס — מען לעבט.
וואָס קען מען שוין, משטיינס געזאָגט,

טאָן צו מיין אַלטן גוף.
יעסטעם זדרואוו.
איך בין מיט יאָרן זאַט שוין.
טוואָי אויטשעץ —
איצעק גלאַטשטיין.

שטויב איך איצטער אָפּ דיין ליידיקן שטול.
דו ביסט נישט נאָר טאַטע.
ביסט אַ ייד אין געטאָ מיט אַ געלער לאַטע.
און דאָס איז אַ זכיה,
דאָס איז אַ גרויסע רבותא —
שכינתא בגלותא.

אין יאָר אַזוי און אַזוי,
ווען ס׳האָט יידישלעך אויפגעלויכט מיין נאָמען —
אַביסל ליכטיק, אַביסל טריפיק,
פון אַטלאַנטיק ביז פּאַסיפיק.
ווען איך בין געוואָרן אַ שרייבער ביי יידן.
האָט מיין האַרץ געצויגן צו שטובן זיך אין דיין שטויב.
צו קושן דיר די מידע טריט.
צו גיין אַ ניט־דערשאָכטענער קרבן,
מיט פּאַרבלוטיקטע און געשוואָלענע פיס.
צו דיר אויף יענער זייט טויער.
אַהין, צום פינצטערן לובלין.

# גלויביקער וואַרטער

אַ קול אָן ווערטער
שווייגט־אויף פון יעדן שטיין.
וואָס זעסטו, זעער,
אין שלאָפנדיקן טאָל ?
דו טרויעריקער וואַרטער
מיט געדולד פון שטאָל,
וואָס הערסטו, הערער,
אין שווייגיקן גערייד ?
איך זע די פרייד —
די פאַרשעמטע פרייד.
איך הער איר שטילן לאַד.
דרימל נישט און שלאָף נישט,
האָרך און בלייב וואַך.

אָנזאָגער מיט דעם זינגענדיקן האַרץ.
דאָס איז דאָך דער קינדערשער שמייכל,
פאַרגליווערט אין געוויין.
דאָס איז דאָך די פרייד
מיטן שלייער פון שוואַרץ,
וואָס האָט שוין יאָרן
נישט אויפגעהויבן דעם קאָפּ.
דאָס איז די געשמידטע האָפענונג
וואָס האָט מעסלעס נאָך מעסלעס,
געוואַרט אויף אַ צייכן,
געגלויבט אין אַ נס.

געפּאָרטע שטיקער לעבן
חלומ׳ען באַזונדער.
וואָס פאַרשלאָפט איר איצטער
די שעה פון וואונדער ?
אָנגעטרויעריקט מיט שווייגן
וועל איך וואַכן אַ גאַנצע נאַכט.
ס׳האָט דער גלויביקער וואַרטער
אונדז אַ טרייסט געבראַכט.

די נאַכט האָט אַלע פּראַכטן :
זילבער, וואונדער און בלוי.
אַלע טונקעלע גראָזן
ליכטיקן מיט טוי.

איבער אַלע פייערן
לעשט זיך די ליבע נאַכט,
באַשיץ מיך נישט, מיין טייערע,
פון דער לעצטער שלאַכט.

## גאָט איז אַ טרויעריקער מהר״ל

גאָט איז אַ טרויעריקער מהר״ל.
אַ שטראַל פון זיין גוטסקייט
פאַלט אויף אַ פינצטערער וועלט.
ער זיצט ביים קוואַל פון זיין וואונדער
און וואַרפט אַריין שווערע שטיינער.
הער, ער איז אומגליקלעך איינער.
די פאַר׳גולמ׳טע שטראָף איז שוין מער נישט זיינע —
זי האָט אים איבערגעמעכטיקט,
יעדער זיפץ איז גערעכטיק.
יעדער געשריי צעבליצט די פאַראייניזאַמטע הימלען.
די אייביקייט דערלויפט צום משוגע׳נסטן פינאַל.
גאָט איז אַ טרויעריקער מהר״ל.

גאָט איז אַ טרויעריקער מהר״ל.
דער שאַל פון שופר
יאָגט אָן אין וואַלד אַ ימים־נוראים׳דיקן ציטער.
דאָס האַרץ פון גרויסן שטראָפער
איז ביטער און צעבראָכן.
נישט ער האָט אויסגעטראַכט אַזוי פיל בראָכן.
ער ווערט פאַרשעמט און קליין אין געמיט,
ווי יעדער דערשראָקענער ייד.
שטילערהייט וועט ער זיך אַריינ׳גנב׳ענען אין שול.
אַן איינגעהילטער אין טלית וועט ער שטיין
אין פאָליש ווי אַ בעל־תשובה
און רייסן די פאַרטונקלטע הימלען מיט געוויין.

אַ ווינט גיט אַ האַרבסטיקן ציטער.
אַ בוים גיט זיך אַ צעוויג.
אַ בלאַט גיט אַ פאַל.
גאָט איז אַ טרויעריקער מהר״ל.

## דאָ בין איך קיינמאָל נישט געווען

כ'האָב אַלעמאָל געמיינט
איך בין שוין דאָ געווען.
מיט יעדן יאָר פון מיין איבערגעניצעוועט לעבן
האָב איך געוואַרעמט געוועבן
פון אָפּגעלעבטע שטיקער וועלט.
איך האָב דערקענט געדענקטע פּנים'ער און שמייכלען
און אַפילו טאַטע־מאַמע זיינען פאַר מיר געווען
פאַרבענקטע פרעסקאָס אַמאָליקייט.
כ'האָב געטראָטן אויף אַלטע רשעות'דיקע שטעגן
און צווישן ברעגן פון געשיכטע
האָב איך געזעגלט.
איך האָב כסדר געפונען דאָס וואונדער,
וואָס איז אין געדעכעניש געווען איינגעקריצט,
און ס'האָט די אָפּגעטומלטע פאַרגאַנגענהייט
זיך שעמעוודיק געבלעזלט אין דעם איצט.
איך האָב געמיינט
כ'בין שוין דאָ אַמאָל געווען.

נאָר די לעצטע שטיקלעך יאָרן־צויטן,
מיט די אויסגעטראַכטע טויטן,
זײַנען מײַנע אייגענע טעג און נעכט.
דאָס איז מײַן אָנגעהויקערטע באַשערטקייט,
דאָס האָב איך אַליין אָנגעלעבט.
די פאַרגליווערטע פאַרקלערטקייט,
פאַרברענטע פעלדער,
די מאַפּעס מיט בית־עלמינ׳ס,
פאַרשראָקענע שטילקייט,
די צייכנס פון פרייִדיקער רשעות —
כ׳האָב עס פון ערגעץ נישט געדענקט.
כ׳האָב עס קיינמאָל נישט געזען
כ׳בין דאָ קיינמאָל נישט געווען.

בלײַב שטיל, טויטע וועלט.
שווײַג איין אין זיך דײַן פאַרוויסטקייט.
ס׳וועלן ווידעראַמאָל בליִען פאַרוויאַנעטע אָרנאַמענטן.
מיר וועלן איבערבויען דײַנע פונדאַמענטן
אויף דעם בלוט וואָס מען האָט פאַרגאָסן.
נאָר די טויטע וועלן וויינען אין די חצות׳ן,
יעדער מת — אַ טריפּנדיק קול.
ווי אַ קליין ליכטל איבער יעדן קבר,
וועט פלעמלען אַ געבעט.
יעדער פאַר זיך.
איך בין איך —
וועלן טויזנטער געשאָכטענע איכן
וויינען אין דער נאַכט.
טויט בין איך און נישט דערקאָנט,
מײַן בלוט נאָך אַלץ נישט אויפגעמאָנט.

אַזאַ עשירות פון מצבות
האָב איך קיינמאָל נישט געזען.
טאָג און נאַכט וועל איך יאָמערן די נעמען.

דאָ בין איך קיינמאָל נישט געווען.

## געטאָ־ליד

מיין געזאַנג אין דיינע ביינדלעך,
ווי יונגער שניי צעגייט.
אין דיינע שטערנדיקע אויגן,
וואַכט אויף אַן אַלטע פרייד.
לאַכעלע, מיין קינד,
זינגעניו, מיין טרויער,
ס׳גייען אויף זיבן זונען
אויף אַן אַלטן מויער.

דער שבת וויינט אַ פאַרשוועכטער,
פון די בוימער־שפיצן.
אויף אַלע חושכ׳דיקע געסלעך,
טויטע בעטלער זיצן.

שווייגעניו, מיין קינד,
שלאָפּעלע, מיין קרישל,
אויף דיין ליידיקן טעלער,
טאַנצט אַ גילדן פישל.

שטערן פון אונטערוועגנס,
באַלייכט דיין טאַטנס וועג.
די לבנה איז זיין פאַרמעגנס,
אויפן נאַכטיקן געיעג.
שלאָפעשי, מיין קינד.
קושעניו דיינע אויגן,
איבער קלאָגנדיקע חורבות
איז אַ טייבעלע געפלויגן.

דאָס טייבעלע ביסטו דאָך,
דיינע הענטלעך ווייסע פליגל.
דיין מאַמע וועט נישט אָפּטרעטן
פון דיין הונגעריק וויגל.
שאַזשעשי, מיין קינד,
שטילעניו, מיין טרויער.
דיין טאַטנס גוטע הענט
עפענען דעם טויער.

# מיליאָנען טויטן

אַז מען וועט אַקערן און זייען טויטע ערד,
וועט זי געבן פינצטערע ברויטן,
נאָר ס׳וועט ווייץ און קאָרן אייביק שמעקן
מיט מיליאָנען טויטן.
איבער פאַרשעמטער ערד,
וועלן נאָך בליען יונגע פרילינגס,
און זון און הימל, טייך און וואַלד,
וועלן זיך שטראַלנדיק צעשפּילן.
גיב אַ פייגעלע אַ בוים,
און צום הימל נאַריש זינגט עס,
אָבער דו נעם אַ פנקס און פאַרשרייב
דאָס לעגענדאַרישע אומגליק.
שטילערהייט פאַרשרייב מיט שטילע רייד:
אַזוי האָט מענטש געטאָן צו מענטש קילערהייט,
דאָס האָט אונדז געבראַכט דאָס יאָר תש״ג,
ווען זייער מערדערליכער טאַג

איז געוואָרן אונדזער נאַכט פון אַלע נאַכטן.
און געדענק — מיר האָבן נישט קיין ווערטער
פאַר דעם אומגליק.
ווי קענסטו געפינען רייד
פאַר דער טרייסט ?
פאַר אונדז די אַלט־געזעסענע אין צרות,
פאַר אונדז די איינגעוויגטע אין צער.
פאַרצייכן טרוקן, שפּאָרעוודיק, טרויעריק —
פּה נטמן, געשטאָרבן.
אָבער פאַרהייליק יעדן באַזונדערן קרבן,
און פאַרטרייסט נישט דעם קאָפּ,
אַז לעבן וועט דאָס פאָלק.
ניין, אייביק וועט אונדזער לעבעדיק פאָלק
זיין טויט מיט מיליאָנען טויטן.
פאַרשאָלטן, אויב מיר וועלן זייער טרויער צעשמעלצן
אין דעם דויער פון אויפגעלויכטענער פרייד.
פאַרשענד און דערצערן נישט דעם אָנדענק
פון דעם מינדסטן פלוני.
אויסגעשטערנט וועט אייביק זיין אונדזער ליכטיקער הימל,
מיט קרוינען פון טויט.
אוודאי וועלן מיר אַקערן און זייען,
פלאַנצן און בויען,
אוודאי וועלן מיר ציילן טעג און יאָרן,
פאַרשאָלטן, אויב מיר וועלן ווען פאַרלירן פון זכרון,
יעדער איינציקן קדוש.
פאַרצייכן — נישט זיי זיינען געשטאָרבן פאַר אונדז,
נאָר פאַר׳משפּט זיינען מיר צו לעבן פאַר זיי,
אַז ס׳זאָל פליסן זייער טויט אין אונדזערע אָדערן,
כּדי מיר זאָלן די וועלט פאַרשווידערן.

## אונדזער ציכטיק לשון

ווי די גוטע יידן פון אַמאָל,
וואָס פלעגן אויסלייזן און דערקוויקן
אַ וואָלוועלען ניגון,
אים לייטערן און געבן תיקון
און דערווייטערן פון דער טומאה —
אַזוי האָבן אונדזערע זיידעס
פאַרוואַנדלט דיין פרעס־און־זויף דייטש
אין יידישטייטש.
זיי האָבן אים געצערט און געצערטלט,
געקלערט ווי גוטן אייל,
געפעפערט און פאַרווערטלט
מיט תנ״כ׳יש,
אַריינגעוועבט אין אים
גוטמוט פון פויערשן ליאַכיש
און זשוואַווישן סלאַוויש;
אים אָנגעלאָגלט מיט פקחות,

שטאָט צעזעצטן און צעטראַסקעטן געלעכטער,
אים פאַרוואָגלט מיט פרומער בענקשאַפט
פון יידישע טעכטער,
פאַרטרערט יעדער וואָרט
מיט אָפּגעפּוצטער אָרימקייט,
פאַרקלערט יעדער וואָרט מיט מיין
און פאַראימפּעטיקט דעם בייכיקן
ווערדען וואורדען זיין.

איצט לאָזט מען אונדז אפילו נישט זיצן
און קלאָגן ביי די טייכן.
דער קוילער ציילט און יאָגט אונדז,
און דער ציילער קוילעט,
און דער ציילער פרייט זיך,
וואָס פון יאָגן הין און צוריק
פאַלן אָפּ און פעלן
הונדערט, טויזנט, צענער טויזנט שטיק.
און ס׳וואַרימע פידעלע יידיש,
דאָס פאַרשטייענדיקע, דאָס קלוגע,
איז פאַרשטומט,
און הענגט אויף אַ ווערבע,
צווישן ברידער־קברים.

דו מצורע צווישן מערדער,
ווי אַזוי קאָנען מיר
אויף אונדזער ציכטיק לשון,
דערציילן אַלץ וואָס דו האָסט מיט אונדז צעטאָן,
ווי דו האָסט אונדזער וועלט פאַרלאָשן?
חלש׳ן, חלש׳ן אונדזערע ווערטער,
שעמען, שעמען זיך אונדזערע רייד
אויסצוקלאָגן פאַר דער וועלט
די לעבעדיקע יסורים
פון אונדזערע מיליאָנען ערב־טויטן.
נאָר דו אַליין אויף דיין בלוט־וואורשט שפּראַכע,

קאָנסט אויסרעוון ווי דו האָסט געגומען
דייטשע, משוגענע ראַכע,
פון דערשראָקענע, אומבאַשיצטע, שוואַכע.

נאָר דו אַליין מיט דער הילף פון דיינע פילאָזאָפן
קאָנסט אויפקלערן די שפלות פון דיינע חיה'שע שטראָפן.
קאָנסט אַנטבלויזן דעם גע'ירשנ'טן שימל
פון מאָרד אין דיינע ביינער.
נאָר דו אַליין מיט וואַגנערס פויקן און טאַצן,
קאָנסט אויסכאָרכלען ביז צום פּלאַצן
דיין גע'פגר'טן רום פון אַ צעדולטער וואַלהאַלא,
ביי פראַנקרייך, סאָוועט־רוסלאַנד און פוילן,
איידער דו ווערסט פאַר'משפ'ט צו פוילן
אין אַן אייביקן, היסטאָרישן כף הקלע.

## גרויסע וועלט פון שטילן וואונדער

נישט אויסגעפייניקט — אויסגע׳תענוג׳ט האָב איך דיך,
וואונדער אויף מיין צעשפיגלטן דאַך.
אַ פויגל פאַר׳חלומ׳ט אַ שלוק רעגנבלייב אין זיין ליבן האַלדז.
איך שפּיגל זיך אין מינדסטן טראָפּן
און זע די גרויסקייט וואָס האָט זיך פאַר קליין פאַרשטעלט.
אין די דלד אמות פון מיין בענקען,
שפרייזט די רחבות פון גאָר דער וועלט.
אַרויס דורך טיר און פענצטער,
זינגט דאָס פעטיטע וואונדער פון מיין געצעלט.

אַרום מיר אַ פאַרפויערטע שטילקייט.
עס אָטעמט בלום אין בלי און ס׳לעבט בלום אין וועלק.
אַ מאַן טראָגט אַ שעפל מיט שוימיקן געמעלק
און כאַפּט מיך אויפן שאַרף פון זיין גוטמאָרגן.
אַ פאַרוואָלקנטע פרוי צופּט די סטרונעס פון אַן אייטערדיקער האַרף.

אַ קינד שפּילט זיך מיט די הענטלעך אין אַ וויגל.
געגודער פון געפליגל.
געזענג און געטענץ פון הענער און הינער,
קאַטשקעס און גענז.
ס׳איז גרויסער טאָג.
אַ פלאַטער איז אָנגעפלויגן און אַוועק.
אַ מיידל מיט טרויעריקע אויגן
שירעמט זיך קעגן זון מיט אַ גרינעם הוט.
זי זינגט פאַר זיך און אויף די וועגן קומט אַנטקעגן איר געזאַנג:
צו דער וועלט פון אַזויפיל ליכטער,
איז געקומען אַ פאַרנאַכט אַן אומגעריכטער
און פאַרשווידערט מיט שטילשוויג און דערוואַרטן.

און אַ נאָכ׳קול ענטפערט אָפּ:
די נאַכט פינצטערט איבער שטילע ברויטן.
אייביק איז מיין וועלט פון ליכט.
איבער אַלע דיינע משוגע׳נע טויטן,
גייט אויף מיין שטערן אומגעריכט.

דאָס מיידל מיט דעם גרינעם הוט פאַרשאָטנט איר אייגן געזאַנג:
די גרויסע וועלט פון שטילן וואונדער,
פלעמלט אין פאַרנאַכטיק ליכט.
און אין יעדן פאַרדרימלטן אויג באַזונדער,
שטערנט־אויף אַ חלום אומגעריכט.

דאָס נאָכ׳קול ענטפערט אָפּ:
אויף די ביימער זינגען טונקעלע קרוינען.
די דעכער שפּיגלען זיך אַנטקעגן נאַכט,
און אַלע קליינע, באַטאָגיקע לוינען,
ווערן איצטער וויינענדיק פאַרלאַכט.

דעם אָוונטיקן דועט טראַכט איך אָן אַזוי אויף זיך:
ווי ווייניק וועלט ס׳איז מיר באַשערט,
ווערט דאָס וואונדער נישט פאַרקליינט.
און האָב איך עפּעס באַזונדערט און צעשטערט,
ווערט עס איצטער צוריקגעבויט און פאַראייניט.

דאָס מיידל זינגט מיט רופנדיקע ליפּן.
דאָס לאָרעליי־קול שלעפּערט און שרעקט.
מיינע אויגן ווערן זעעוודיקער און גרעסער,
מיינע אויגן ווערן אויפגעפלעקט.
דאָס מיידל פאַרשווינדט, דאָס נאָכ׳קול פאַרטונקלט.
די נאַכטיקייט ווערט אָפּגעהילט פון טאָג.
און צו דער באַפעלערישער שטילקייט
גיב איך אַזוי אַ זאָג:
גאָט פון אַלדי רוען,
פּאַראַיצטיק מיך אויף שטענדיק,
מיט מיין חלום און מיט מיין וואָר.
דעם לעצטן ניגון לעש אויס, פאַרענדיק,
און פאַרגליווער מיך אויף טויזנט יאָר.
און טויטערהייט וועל איך געדענקען
דעם אָוונטשיין אויף אַ ליכטיקער וועלט,
און יאָר איין יאָר אויס שטאַרקער בענקען,
נאָך דעם פּעטיטן וואונדער פון מיין געצעלט.


שיר —
אַ געזאַנג

## שיר — אַ געזאַנג

דאָס צאַרטע צערטל, ס׳וואוילוווערטל,
די זיפצלדיקע פידלדיקייט, פאַרלידלטע טרער.
שאָפּענס סקעלעטישע פינגער,
נאָקטורנע כמורנעקייט פון קעצלדיקן באַגער.
וועלטשמערץ, איידעלער ווייטיק,
צווישנזיפץ פון ער און זי און בעט,
בלויע רייד, חלומות־באַשייד,
רויכערן זיך אַצינדערט
אין אויגן־לעכער פון יעדער סקעלעט.
וועלט, צענדליקער יאָרהונדערטער
האָסטו אין וואָסערע צען יאָר פאַרשענדט.
מיליאָנען ביכער האָסטו אויף אייביק פאַרברענט.

שיר — אַ געזאַנג וועל איך זינגען
צום שאָטן פון זאַכן,
צו הונגער, אויסגעצערטקייט פון ביינער און הויט,
צום טרויעריקן עכאָ פון לאַכן,
צו דער באַשטענדיקייט פון טויט,
צו דער וויסטער אייביקייט פון טויט.
שיר — אַ געזאַנג וועל איך זינגען
צו די באָרוועסע, וואָגלערישע פיס פון דער כנסת־ישראל,
צו אירע סימבאָלישע, שיר־השירימדיקע בריסט,
צו די יידישע שטעט, וואָס גאָט, איר באַשערטער,
האָט אין זיין שוועבלדיקן צאָרן פאַרוויסט.

קלויסטער־גלעקער קלינגען.
ליב־באָם, ליב־גלין־גלאָן.
רויב־דם, גלויב־פאַרדאַם.
ליב שכן — ליב.
שטעל־אויף באַק — ליב.
פאַרגיב־לאַם, לאַם־בלוט,
זינד־פאַרדאַם.
גלין־גלאָן, מוראדיקע קלויסטער־גלאָקן קלינגען.
צו מיין געשאָכטענער טויב, צו דער כנסת־ישראל,
שיר — אַ געזאַנג וועל איך זינגען.

מ׳זאָגט — ס׳טאָגט. דער מזרח העלט.
מען זאָגט, ס׳בויט זיך שוין אַ נייע וועלט.
אין גלויביקע, קרעפטיקע הענט
שווערע האַמערס שווינגען.
צו מיין פאַרפייניקטער יידישער וועלט
שיר — אַ געזאַנג וועל איך זינגען.

## יזכור

יונג און איצטיק זיינען די געוויינען פון אונדזערע קהילות.
ס׳בליט דער טוי אויף די בית עלמינס
פון אונדזער אָוונטיקן גלות.
אָפּגעפּרישט ווערן די ווערטער פון אונדזערע תפילות.
היינטיק די קלאָגן פון אונדזערע אל מלא׳ס.
אומזיסטיק איז דער טויט פון יחיד און נאַריש.
דער מאַרטירער־טויט פון מיליאָנען איז לעגענדאַריש.

נאָך אַזויפיל טויטן שטייען מיר אויפסניי געבוירן.
זיי האָבן אונדז געגעבן לעבן.
טויטערהייט האָבן זיי אויפגעפּראַלט די געטאָ־טויערן,
און אַרויס פון קנעכטשאַפט הויך־דערהויבן —
זיי האָבן אונדז געגעבן גלויבן.

װען נישט זייער װאונדערלעכער קרבן,
װאָלטן מיר אַלע פֿאַרקלעמטערהייט געשטאָרבן,
אָן נקמה, אָן טרייסט, אָן האָפֿן.
נישט זייערע באַצװינגער צו פֿאַרװיילן,
האָבן בלינדע שמשונ׳ס אַ טרייסל געטאָן די זײלן,
זײ זיינען אַרױס פֿאַרברעכן צו באַשטראָפֿן.

נישט אין באַהאַלטענעם גערילאַ־קאַמף,
אין דערשראָקענעם לאָקער און פֿאַרגנבע,
נישט אין באַזונדעריש, נאָר אויף אַ זוניקער קאַנווע,
האָבן אונדזערע ברידער געצייכנט אָפֿענעם רעװאָלט.
די אָנגעשראָקענע האָבן זיך פֿאַרשטאָלט.
דער שונא האָט באַצאָלט.

לאָמיר זיי פֿאַרשרייבן, ברידער,
אין אַ נייעם מחזור, אַ נייעם סידור.
אונדזער אייגן מאַרטירער־לעבן אַנטקעגן זיי װערט בטל.
ס׳קאָן רשעות לאַנג נישט זיצן אין זאָטל.
װייל זייער געדעכעניש יאָמערט אויף אַלע װעגן.

אין אַלע תפֿילות לאָמיר זײ דערמאָנען.
אין אַלע יזכור׳ס װעלן מיר זיי באַװײנען.
אין אַלע יתגדל׳ס זאָל מען זיי דערקאָנען.
אונדזערע אַלע התקווה׳ס זאָלן זײ באַשײנען.

## דער עלפּטער

ניט אברהם האָט דעם מזבח געבויט,
נישט אַן אייגענער טאַטע האָט אים באַשערט דעם טויט.
כ׳האָט אים צום מזבח געפירט אַ רשע, אַן אכזר.
אַ שטאָלצער איז געגאַנגען אַ ייד פונעם מחזור.
אָ גאָט, אין זכות פון זיין פרומער מאַמען,
וועט מען רייסן זיין לייב מיט אייזערנע קאַמען.
אַ פּשוטן סוחר האָט מען אויסגעקליבן
און ווי אַ צדיק אים צום טויט געטריבן.

ווי גוט וואָס ער איז אין די דריבנע אותיותלעך באַהאַוונט.
איצט וועט ער אַליין אין סידור אַריינגעדאַוונט.
איצט וועט ער אין מחזור אַריינגעשריבן.
ער, דער זון פון אַ פרומען חייט,
וועט אַריינגעניגונט אין יום־טובדיקן פּאַיעט.
ס׳וועלן דורות פון אים זינגען שטאָלצע לידער.
מאַכט אַ וואַרע.
ס׳קומט דער עלפּטער פון די פאַרפייניקטע ברידער.

# ר ו י ך

דורכן קרעמאַטאָריע־קוימען,
קרויזט אַרויף אַ ייד צום עתיק יומין.
און ווי נאָר דער רויך פאַרשווינדט,
קנוילן אַרויף זיין ווייב און קינד.

און אויבן אין די הימלישע הויכן,
וויינען, בענקען הייליקע רויכן.
גאָט, דאָרט וואו דו ביסט דאָ,
דאָרטן זיינען מיר אַלע אויך נישטאָ.

## נאַכטלידער

### א

ס׳שטרעקן זיך צו מיר מיליאָנען טויטע הענט.
זיי אונדז אַ לעבעדיקער מאָנומענט
פון אומגליק.
מיר וואָס זיינען נישט געקומען צו קבר ישראל,
לאָמיר זיין אין דיר באַגראָבן.
זאָל דיין האַרץ ווערן אונדזער ברידער־קבר,
און דיינע אויגן שפּיגלען פון אונדזערע יסורים.
זאָלן זיי דעם בונד מיט אונדזער טויט פאַרזיגלען.
דער געשריי פון יעדער פאַרפּייניקטן אבר
זאָל דיינע חלומות שרעקן
און פון פּחד־שלאָף דיך וועקן.
קלאָג אַריין אונדזער טויט אין דיינע לעבעדיקע מעסלעסן.
לעב אונדזער טויט, דערהייב אים איבער אַלע פריידן.
ס׳קאָנען אונדז נאָך, חלילה, גאַנצע יידישע דורות פאַרגעסן.
ווער דער מעבר־יבוק צווישן לעבעדיקן אייניקל
און פאַרברענטן זיידן.

## ב

פרעמדע אויגן זעען נישט,
ווי אין מיין קליינעם חדר עפּן איך אַ טיר,
און צווישן קברים הייבט זיך אָן מיין נאַכטיקער שפּאַציר.
(וויפל ערד, משטיינס געזאָגט, דאַרפן רויכן ?)
פאַראַן דאָרטן טאָלן און הויכן
און באַהאַלטענע, פאַרדרייטע שטעגן,
וואָס קלעקן אויף אַ גאַנצן נאַכטיקן גאַנג.
אין דער פינצטער לויכטן מיר אַנטקעגן
פה־נטמנס,
מיט אַ יעמערלעך געזאַנג.
ס'בליען קברים פון דער גאַנצער
פאַרטיליקטער יידישער וועלט,
אין די דלד אמות פון מיין געצעלט.
און איך בעט :
זייט מיר אַ טאַטע, אַ מאַמע,
אַ שוועסטער, אַ ברודער,
קינדער אייגענע, לייבלעכע קרובים,
ווערט וואָר ווי צער,
פון אייגן בלוט און פלייש,
זייט צו מיר געשטאָרבן,
לאָזט מיך משיג זיין און אָנען
דעם חורבן פון מיליאָנען.

ווער האָט נאָך, ווי איך,
אַזאַ אייגענעם, ביינאַכטיקן,
טויטן גאָרטן ?
וועמען איז נאָך דאָרטן אַזוי באַשערט ווי מיר ?
אויף וועמען וואַרט אַזוי פיל טויטע ערד ווי אויף מיר ?
ווען איך וועל שטאַרבן,
ווער וועט אַרבן מיין קליינעם בית־הקברות,
און דאָס ליכטיקע געשאַנק,
פון אַ נר תמיד'יק יאָרצייט ליכט,
אין אייביקן געצאַנק ?

ג

וואָס זיינען מיר איצטער,
אַ פאָלק, אַ ראַסע, אַ גלויבן ?
טאָמער וועט דיך עמעצער פרעגן,
ווער זיינען די מענטשן,
וואָס גייען דער וועלט אַנטקעגן,
מיט שווייגנדיקע אורנעס,
דורך נאַכטיקע וועגן ?
וואָס באַטייטן זייערע פנימער,
פאַרשעמטע, פאַרמעקטע ?
דערצייל אים :
מיר זיינען אַ סעקטע,
אַ סעקטע אבלים.

אבלים, יסורים־אַרמייער.
מיר גייען, מיר גייען —
טרויער־מאַקאַבייער.
מיר גייען איבער דער וועלט בפרהסיא,
מיר פירן אונדזער גרויסע לוויה־פּראָצעסיע.
זיי קומען ריי נאָך ריי.
לוויה איינס, לוויה צוויי, לוויה דריי.

מאַשין־ביקסן האָבן געקלאַפּערט.
קאַלך־אויוונס האָבן געפלאַקערט,
מ׳האָט דאָס אַש אויף פעלדער גיך צעאַקערט.
אָבער לוויות ציען זיך געלאַסן.
מיר גייען פּאַמעלעך און פאַרוואָגלען די גאַסן.
מיר זענען די געדענקערס,
מיר קומען דערמאָנען,
מיר פירן, מיר פירן מיליאָנען.
צו דער לעצטער לוויה איז נאָך ווייט,
ווי ווייט.
מיר האָבן צייט, מיר האָבן צייט.

מיר האָבן נישט קיין געהיימן ריטואַל.

אַלע אונדזערע סודות זיינען גרוילן אַנטפּלעקטע,
אויב עמעצער וועט פרעגן,
זאָג אים, דערציייל אים:
מיר זיינען אַ סעקטע,
אַ סעקטע אבלים.
מיר מוזן אָפּגעבן כבוד דעם גאַנצן טויט,
ביז דאָס לעבן אַליין וועט ווערן דערהויבן.
מיר גלויבן,
ס'מוז אויסגעיאָמערט ווערן
דער לעצטער געקלאָג,
און דעמאָלט וועט ערשט קומען נאַכט,
און ס'וועט קומען טאָג —
ערשטער טאָג.

## נישט די מתים לויבן גאָט

די תורה האָבן מיר מקבל געווען ביים סיני,
און אין לובלין האָבן מיר זי אָפּגעגעבן.
נישט די מתים לויבן גאָט,
די תורה איז געגעבן געוואָרן צום לעבן.
און אַזוי צוזאַמען ווי מיר זיינען אַלע באַזאַמען
געשטאַנען ביי מתן־תורה,
אַזוי וואָר זיינען מיר אַלע געשטאָרבן אין לובלין.

דעם צעצווייגטן קאָפּ, די פרומע אויגן,
דאָס ציטערדיקע מויל פון אַ קליין יידיש קינד
וועל איך איינוואונדערן
אין אַזאַ פּאָרכטיק מעשהלע.
כ׳וועל פאַר אים אויסשטערנען אַ יידישן הימל
און אים זאָגן אַזוי :
ס׳יידישע פאָלק איז אַ פּייערדיקע זון
פון אָנהויב, ביז אָנהויב, ביז אָנהויב.
לערן זשע, יינגעלע, טייער יידיש יינגעלע,
פון אָנהויב, ביז אָנהויב, ביז אָנהויב.
ס׳גאַנצע אויסגעחלומטע פאָלק
איז ביים באַרג סיני געשטאַנען
און מקבל געווען די תורה.
געשטאָרבענע, לעבעדיקע, נאָך ניט געבאָרענע.
אַלע יידישע נשמות האָבן אָפּגעענטפערט :
מיר וועלן האָרכן און הערן.
דו, דאָס טרויעריקסטע יידישע יינגעלע פון אַלע דורות,
ביזט אויך ביים באַרג סיני געשטאַנען.
דיינע נאָזלעכער האָבן געשמעקט
דעם ראָזשינקע־מאַנדל פון יעדער וואָרט אין דער תורה.
ס׳איז געווען שבועות — יום־טוב פון גרינס.
האָסט ווי אַ זינג־פויגל מיטגעזונגען :

כ'וועל האָרכן און הערן, הערן און האָרכן,
פון אָנהויב, ביז אָנהויב, ביז אָנהויב.

יידיש אינגעלע, אָנגעצייכנט איז דיין לעבן
אויפן אויסגעשטערנטן יידישן הימל,
האָסט קיינמאָל נישט געפעלט,
האָסט נישט געטאָרט פעלן.
מ'האָט דיך אויסגעהאָפט און אויסגעבעטן,
אַלעמאָל ווען מיר זיינען געווען, ביזטו אויך געווען.
און ווען מיר זיינען געוואָרן אויס,
ביזטו מיט אונדז נישט געוואָרן.

און אַזוי צוזאַמען ווי מיר זיינען אַלע באַזאַמען
געשטאַנען ביי מתן־תורה,
אַזוי וואָר זיינען מיר אַלע געשטאָרבן אין לובלין.
פון אומעטום זיינען טייערע נשמות אָנגעפלויגן,
אויסגעלעבטע, יונג־געשטאָרבענע,
פאַרפייניקטע, אויף אַלע פייערן אויסגעפרואווטע,
נאָך־ניט־געבאָרענע,
אַלע געשטאָרבענע יידן, פון עלטער־זיידן אברהם אָן,
זיינען געווען אין לובלין ביים גרויסן חורבן.
אַלע וואָס זיינען ביים באַרג סיני געשטאַנען
און מקבל געווען די תורה,
האָבן גענומען אויף זיך די הייליקע מיתות.
מיר ווילן מיטשטאַרבן מיטן גאַנצן פאָלק,
מיר ווילן נאָכאַמאָל טויט ווערן,
האָבן די נשמות געיאָמערט.
די מאַמע שרה, די מוטער רחל,
מרים און דבורה הנביאה,
זיינען מיט תחינות און געזאַנגען אויסגעגאַנגען.
משה רבינו וואָס האָט אַזוי נישט געוואָלט שטאַרבן,
ווען זיין צייט איז געקומען,
איז נאָכאַמאָל געשטאָרבן.
און זיין ברודער אהרן,
און דוד המלך

און דער רמב״ם, דער ווילנער גאון,
דער מהר״ם און מהרש״ל,
דער חוזה און אברהמלע אייגער.
און מיט יעדער הייליקער נשמה
וואָס איז אויסגעגאַנגען אין יסורים,
זיינען מיטגעשטאָרבן הונדערטער נשמות
פון טייערע געשטאָרבענע יידן.

און דו, געשמאַק ייִנגעלע, ביזט דאָרטן אויך געווען.
דו, אָנגעצייכנטער אויף דעם אויסגעשטערנטן יידישן הימל,
ביזט דאָרט אויך געווען און געשטאָרבן.
זיס ווי אַ טויב האָסטו געשטרעקט דיין האַלדז
און געזונגען מיט די אָבות און די אמהות.
פון אָנהויב, ביז אָנהויב, ביז אָנהויב.

פאַרמאַך די אויגן, ליב יידיש ייִנגעלע,
און דערמאָן זיך ווי דער בעל־שם האָט דיך איינגעוויגט
אין זיינע אָרעמס,
ווען ס׳גאַנצע אויסגעחלומטע פאָלק
איז אויסגעגאַנגען אין די גאַז־קאַמערן פון לובלין.

און איבער די גאַז־קאַמערן,
און הייליקע געשטאָרבענע נשמות,
האָט זיך געוויכערט אַן איינזאַמער, אַ פאַרלאָשענער סיני.
ייִנגעלע מיטן צעצווייגטן קאָפּ,
פרומע אויגן און ציטערדיקן מויל,
דאָס ביזטו דאָך געווען, די שטילע, קליינע, עלנטע,
אָפּגעגעבענע תורה.
ביזט געשטאַנען אויפן סיני און געוויינט,
אַריינגעוויינט דיין געוויין אין אַ טויטער וועלט.
פון אָנהויב, ביז אָנהויב, ביז אָנהויב.

און אַזוי האָסטו געוויינט :
די תורה האָבן מיר מקבל געווען ביים סיני,
און אין לובלין האָבן מיר זי אָפּגעגעבן.
נישט די מתים לויבן גאָט.
די תורה איז געגעבן געוואָרן צום לעבן.

## אל תדין

שוין נאָך האַלבער נאַכט.
ביי אַ נישט־דערטרונקען גלעזל טיי,
זיצט פאַרטראַכט אַ יידישער זשורנאַליסט.
דעם אומזיסט פון אונדזער ווײ
האָט ער נאָר־וואָס נאָך מער פאַרטיפערט.
ער האָט פאַנאַנדערגעציפערט אונדזער פּיין,
און דעם ווייטיקדיקן ווײַן געטרונקען
שלוק נאָך שלוק.

דער שלאָפראָק און די שטעקשיך
שלעפערן דעם מידן קאָפּ.
אָבער איידער ער גייט שלאָפן מוז ער נאָך,
מיטן גאַנצן טראָפּ טאָן אַ דריק,

אַז מיר שטייען אויפֿן מיטוועג פֿון טויט,
אָן אַ פֿאָראויס, אָן אַ צוריק.
און אויפֿן מיטוועג שטייט פֿאַר אים גרייט
אַ ווייך בעט,
און אַרום בעט — צוקאָפּנס, צופֿוסנס,
פֿון לינקס און פֿון רעכטס,
וואַכן מלאכים פֿון שרעק און פֿון שלעכטס.

ער פֿאַררויכערט.
דער ציש פֿון פֿייער גיט אַ נאַש,
פֿאַרגליט אין פֿורעמדיקן אַש.
דאָס ציגאַרעטל נעמט זיך צעשטיפֿן
און באַשרייבט די גאַנצע שטוב
מיט רויך־הירעָגליפֿן.
און אין דעם ציקלדיקן געשריפֿט,
ווערט יעדער וואָרט זײַנס אַרײַנגעטריפֿט,
אַרײַנגעטריפֿט און איבערגעזעצט,
אויסגעמוחט און אײַנגערויכט,
ביז יעדער וואָרט ווערט פֿאַרקרייט אין אַ הענער־לאַד,
ביז ער לייענט זיך אַליין
אויף רויכן־שפּראַך.

און אַלץ קרויזט אַרויף, קנוילט זיך, קרייזט,
ווערט אויפֿגעלייזט.
נאָר אַ רויכל אַ קליינס בלײַבט הענגען ווי שפּינוועבס
וויל נישט צעגיין,
און צעהוסט זיך פּלוצים אין אַ שטיקנדיק געוויין.

פֿון דאָרט וואו רויכן אייביקן אומשטערבלעך,
פֿון פֿאַרקוילטע טאָגן און נאַכטן,
קום איך צו דיר קלאָגן —
אַ פֿאַרברענטער פּחדן.
ניין, כ'האָב זיך נישט אַקעגנגעשטעלט,
איידער מ'האָט פֿאַרברענט מײַן וועלט,
ווי צו מיר, וואָס כ'שטער דײַן שלאָפֿן,
ווי צו מיר, וואָס כ'הער דײַן שטראָפֿן.

שטאָט אַ העלדן־אומגליק האָב איך דיר געגעבן
אַן אומגליק אַ פּאַראַכטן,
ווײַ צו מיר, פֿאַרברענטער פּחדן.

מײַן קינד וואָס האָט צעריסן די נאַכט
אויף הונגער־געוויינען, איז געווען אַ העלד.
איך וואָס האָב זײַן מויל פֿאַרשטעלט,
בין דער שרעקעוודיקער געווען.
כ׳האָב געוואוסט מײַן קליינוווערט.
כ׳האָב געמיינט אַז ס׳וועט מיר זײַן באַשערט,
צום חשבון דײַנעם צוצושטעלן
נאָך עטלעכע צעטראָטענע ייִדן.
דערפֿאַר זײַנען מיר מיט אונדזער צוזאַמענדיקן שרעק
געווען צופֿרידן.
אין אונדזער פּחד־שאַנד
איז געלעגן נאַציאָנאַלער ווידערשטאַנד.

און אויף אַזויפֿיל זײַנען מיר געווען צוזאַמען,
כאָטש דער שונא, האָט קינד און פֿרוי, מאַן און זקן,
פֿאַנאַנדערגעשראָקן, פֿאַנאַנדערגעשוידערט,
ער האָט אונדז דערנידעריקט, צעטראָטן,
מיט אָפּנאַרערישע ליכט אין טויטע פֿענצטער,
מיט צוזאָגן אויף קליינע פֿענעצלעך לעבן,
מיט קליינע הבטחות און מערדערלעכע פֿאַרבאָטן.
מיט אפֿשרס אויף מאָרגן.
אונדזער גאַנצער וואָפֿן איז געווען האָפֿן.
מיר האָבן געמיינט מיר וועלן געבן די זקנים,
וועט מען שאַנעווען טאַטעס מיט מאַמעס,
וועט דער משחית אפֿשר רחמנות האָבן אויף קינדער —
אונדזער פּחד איז געווען געדולד פֿון קדושים.

מיר האָבן געזאָגט צו זיך :
טויטע שטיל באַקלאָגן און אַריבערטראָגן.
ס׳איז לײַכטער געווען ווידערשטיין און ווערן אַ מת,
ווי לעבן די פֿיר און צוואַנציק שעה
פֿון אַ יאָרן־לאַנגן מעסלעס,

אָבער מיר האָבן זיך פאַרשוואוירן:
יעדער ווידערשטאַנד פאַרטרייב,
אפשר וועט פאָרט בלייבן אַ פאַרבלייב.
דאָס איז די אַלכעמיע פון געצאַמטער שרעק.
דעם שונא ניט געבן דעם וואוילטאָג
פון איינזייטיקן ספּעקטאַקל.
מיר האָבן געוואָלט זיך ציילן
אין אַ לעבעדיקן סך־הכל.

און וואָס זיינען דען געווען אונדזערע
ספּאָראַדישע ווידערשטאַנדן?
געפלאַצטער גלויבן, אויפגעריסענע, דיסציפּלינירטע מורא.
געקראַכטע ווערדע פון האָפן.
נישט נאָר נקמה, נאָר דער ווילן איינצושלאָפן,
ווייל דער מאָרגן איז שוין געלעגן
אין דעם היינט אַ פאַרברענטער.
דעמאָלט איז הינטער יעדער אויפשטאַנד,
הינטער יעדער אַקעגנשטעל
און געראַנגל פאַרשמאַכטן,
געשטאַנען אַ מיליאָן־קעפּיקער פּחדן,
יעדער איינציקער גבור איז געגאַנגען
מיטן כוח פון אַ גאַנצער טויטער עדה,
יעדער אייניקל איז אָנגעשראָקן געוואָרן
מיט גבורה,
מיטן כוח פון אַ טויטן זיידע.

וואָס קומסטו מיך משפּטן,
וואָס קומסטו זיך מיט מיר לאָדן,
איך, דאָס ביסל רויך, שריי אויס צו דיר:
אל תדין.
כ׳דערזאָג דיר, חלילה, נישט דעם סוף פון פּסוק,
נאָר ווי קען איך דיר פאַרגיטיקן דעם שאָדן,
פאַר דיין צערונענער אילוזיע
פון אַ לעגענדאַרישער העלדן־סטאַטיסטיק.
איך, דער פאַרברענטער אמת,

בין די מיסטיק פון דיין פאָלק.
צי אַרונטער די ווייכע שטעקשיך,
נידער אַרונטער פון דיינע זשורנאַליסטישע הויכן.
טרעט נישט צו נאָנט
צום צווישן־ערד־און־הימל
פון הייליקע רויכן.
איך בין דיין פאַרברענטער,
נישט־דערקענטער העלד.
הער אויף מיט דיינע אויסגעחשבונטע פאַרדאַכטן,
ס'רעדט צו דיר דיין זעקסמיליאָניקער,
העלדישער, נאַציאָנאַלער פחדן.

## אָן יידן

אָן יידן וועט נישט זיין קיין יידישער גאָט.
גייען מיר, חלילה, אַוועק פון דער וועלט,
פאַרלעשט זיך דאָס ליכט פון דיין אָרעם געצעלט.
זינט אברהם האָט דיך אין וואָלקן דערקענט,
האָסטו אויף אַלע יידישע פנימער געברענט,
פון אַלע יידישע אויגן געשטראַלט,
און מיר האָבן דיך געפורעמט אין אונדזער געשטאַלט.
אין יעדער לאַנד, אין יעדער שטאָט
איז מיט אונדז אויך געווען אַ גר
דער יידישער גאָט.
יעדער צעשמעטערטער יידישער קאָפּ
איז אַ פאַרשעמטער, צעבראָכענער, געטלעכער טאָפּ,
ווייל מיר זיינען געווען דיין ליכטיק געפעס,
דער וואָרצייכן פון דיין ממשותדיקן נס.

איצט ציילן זיך אין די מיליאָנען
אונדזערע טויטע קעפּ.
ס׳לעשן זיך אַרום דיר די שטערן.
דאָס געדעכעניש פון דיר ווערט פאַרטונקלט,
דיין מלכות וועט באַלד אויפהערן.
דער יידישער פּאַרזיי און פאַרפלאַנץ
איז פאַרברענט.
אויף טויטע גראָזן וויינען די טויען.
דער יידישער חלום און יידישע וואָר געשענדט —
זיי שטאַרבן אינאיינעם.
ס׳שלאָפן עדות גאַנצע,
עופה׳לעך, פרויען,
יונגעלייט און זקנים.
אַפילו דיינע זיילן, די פעלדזן,
די שטאַמיקע ל״ו,
שלאָפן אַ טויטן, אַן אייביקן שלאָף.

ווער וועט דיך חלומען ?
ווער געדענקען ?
ווער וועט דיך לייקענען,
ווער וועט דיך בענקען ?
ווער וועט צו דיר, אויף אַ פאַרבענקטער בריק,
אַוועק פון דיר, כדי צו קומען צוריק ?

די נאַכט איז אייביק פאַר אַ טויט פאָלק.
הימל און ערד אָפּגעווישט.
ס׳לעשט זיך דאָס ליכט אין דיין אָרעם געצעלט.
ס׳פלעמלט די לעצטע יידישע שעה.
יידישער גאָט, ביסט שוין באַלד נישטאָ.

## מיין וואָגל־ברודער

כ׳האָב ליב מיין טרויעריקן גאָט,
מיין וואָגל־ברודער.
כ׳האָב ליב זיך צוזעצן מיט אים אויף אַ שטיין
און אויסשטומען פון זיך אַלע רייד.
ווייל אַז מיר זיצן אַזוי ביידע געפּלעפּט,
ווערן אונדזערע מחשבות באַהעפט —
אין שווייגן.
ס׳צינדט זיך אַ שטערן, אַ פייערדיק אות.
זיינע גלידער בענקען נאָך שלאָף,
די נאַכט ליגט אונדז צופוסנס ווי אַ שאָף.

מיין טייערער גאָט,
וויפיל תפילות צו אים האָב איך פאַרשוועכט.
וויפיל מאָל האָב איך אים געלעסטערט,

דורך די נעכט,
און געוואַרעמט די שרעקעוודיקע ביינער
ביים פייערטאָפּ פון וויסן.
און דאָ זיצט ער, מיין חבר, נעמט מיך אַרום,
און טיילט מיט מיר דעם לעצטן ביסן.

דער גאָט פון מיין אומגלויבן איז פּרעכטיק,
ווי ליב איז מיר מיין פאַרשלאָפטער גאָט,
איצט ווען ער איז מענטשלעך און אומגערעכטיק.
ווי דערהויבן איז דער שטאָלצער יורד,
ווען ס׳מינדסטע. קינד איז מורד
אין זיין געבאָט.
דורך יבשות און ימען,
וועלן מיר שוין אַזוי בלאָנדזשען און בלאָנדזשען צוזאַמען.

צו אַ דרעמלענדיקן גאָט טראַכט איך אַזוי פון זיך :
ס׳שטרעקט זיך אָפּט אין דער וואַרעמסטער היימישקייט —
אַ ווילדע פרעמד.
און נאָך איידער מען באַנעמט דעם סוד דערפון,
דערפילט מען אַז די אייגענע איבריקייט
האָט זיך צעבליט ווי מאָך אויף אַ מצבה.

איז דאָס די שטאָט וואָס איך האָב געבויט ?
איז דאָס די גאַס וואָס איר האָב איך אָנפאַרטרויט
יעדער נאַכט פון מיין זכרון ?
וויפיל זומערן זיינען מיר דאָ געקומען צו־חלום ?
אַהער בין איך געקומען זיך פאַרוואָרצלען און פאַרשטאַמען,
דאָ האָב איך געוואָלט פאַרפלאַנצען שטילקייט
אויף אַן אייגענעם לעבעדיקן בית־עולם
פון טאַטע־מאַמע.
ווייל טויט האָב איך דאָרט געהאַט איבערגענוג.
אַהער בין איך שוין געקומען, אַ יורש פון טויט,
אַן אַנטרונענער.

דו רעדסט פון זיך,
שווייגט צו מיר מיין וואָגל־ברודער,

און איך טראַכט פון אונדז אַלעמען,
אַזוי צו זאָגן:
וויפיל חורבן דאַרף אַ פאָלק פאַרטראָגן,
אַז ס׳זאָל אין אויפבוי אַלץ נאָך גלייבן?
איצט אַז ס׳וואַלגערט זיך אין שטויבן,
איז דאָס פאָלק געטלעכער פון מיר.
ס׳וועלן נאָך פעלקער קומען זיך בוקן
צו זיין ווייטיק.

אָבער גאָט, מיין ברודער,
צו וואָס האָסטו אַזוי דערהויבן מיין פאָלק
און צעשטערנט זיין אומגליק
איבערן גאַנצן הימל?

ווייטיק, בלוט, געלעכערטע הענט,
רחמנות פון אויסגערונענע אָדערן —
אַ קינדערשער משל מיט נאַרישע רייד.
איך האָב עס געכפלט אויף זעקס מיליאָן,
איך האָב דעם משל געגעבן באַשייד.
מיין פאָלק, מיין זון, מיין טרוים.
וועט אייביק בליען געקרייציקט אויף אַ ליכטיקן בוים.

מיין גאָט שלאָפט און איך וואַך איבער אים,
מיין מידער ברודער חלומט דעם חלום פון מיין פאָלק.
ער ווערט קליין ווי אַ קינד,
און איך וויג אים איין אין חלום פון מיין פאָלק.
שלאָף, מיין גאָט, מיין וואָגל־ברודער,
שלאָף אַריין אין חלום פון מיין פאָלק.

## הייליקער נאָמען

ווען איך וואָלט אַצינדעט געווען אברם, תרח׳ס זון,
וואָלט איך זיך געבוקט צו כלערליי משחיתים
און זיך ניט דערבוקט צו זיין ליבן נאָמען.
כ׳וואָלט געמיינט, אַז די מאַשין־ביקס איז גאָט,
אַז די פליענדיקע פעסטונג איז גאָט,
אַז דער גלאָבאַלער טויט,
דער אומברענגער פון פעלקער גאַנצע,
איז גאָט.
און ביים ראַנד פון אומבאַשיידטן טאָג,
וואָלט איך אַוועקגעפאַלן, אַ צערודערטער יונג,
זיך געבוקט צום מינדסטן גרעזל
און געבעטן:
טייערער, לויטערער, הייליקער נאָמען,
אַנטפלעק דיין ליבן פּאָרכט צו אברמען.

אָבער איך בין יעקב, יצחקס זון —
ווייס איך, אַז איבער אַלע טויטן
בלויט אַ פאַרוואָלקנטער אמת.
נאָר איך האָב מורא אים צו זוכן
צווישן די קברים פון מיליאָנען.
אַ צעפּלעפּטער וועל איך אַוועק
פון דער וועלט פון תוהו,
וואו ס'איז פאַרשניטן געוואָרן דער שטאַם פון מיין פאָלק,
אָן אַ בת־קול, אויף אַ בלוטיקן פאַרוואָס.
זאָלן שוין מיינע קינדס־קינדער
פאַנאַנדערקנוילן דעם פּלאָנטער,
און איך וועל ליגן צווישן מייניקע
אַ נישט־דערקאָנטער.

און וויפל ס'זאָלן זיך נישט רעכטפאַרטיקן די וואָגשאָלן,
וועלן זיך אַקעגן אונדז די הימלען
קיינמאָל נישט אויסצאָלן.
און וויפל וויינענדיקע דורות ס'וועלן איבער אונדז וויאַנען,
וועלן זיי אַלץ הערן אונדזערע טויטע ליפּן מורמלען.
ווייל מיר וועלן כסדר מאָנען:
ליבער, טייערער, הייליקער נאָמען,
מיר האָבן עס קיינמאָל נישט פאַרשטאַנען.

# אַ וואָרט אין מויל

וואָס פֿאַרמאָגסטו דיין אייגנס ?
אַ וואָרט אין דיין מויל.
נעם דעם טייטש דערפֿון און פֿאַרהויל.
קום צו דער וועלט אין אַ פֿאַרנאַכטיקער קרוין.
שטעל־אויף די האַנט און בעטל דיין לוין.

ס'האָגלען געשייען אויף אַ דערשראָקענער וועלט.
ראַטעווע זיך פֿאַר אַ שאָטן פֿאַרשטעלט.
פֿאַרקליינט און פֿאַרגאָרנישט, פֿאַרשלאָפֿט אַון פֿאַרמידט.
פֿאַרשנייט זאָל ווערן דער טורעם פֿון דיין ליד.
פֿאַרטרייב דיין יורש,
נעם דיין לעצטן קדיש און פֿאַרשטויס.
פֿאַרטיליקט זיינען די לענדן פֿונוואַנען ביסט אַרויס.
דיין לשון אין מויל פֿון אַן אַלטן פּאָפּוגיי.
דער בליץ פֿון דיין אויג וועט באַלד אויך זיין פֿאַרביי.

און מיט דיר אין הקדש, אַנטקעגן איבער אויף אַ באַנק,
זיצט דער גאָט פֿון דיינע אבות, פֿאַרעלטערט און קראַנק.
דער מאַכטיקער, פּראַכטיקער, אומעטיקער גאָט,
איז אויך אַ פֿאַרשטויסענער בעטלער פֿאַרשפּאָט.

לעסטער אים נישט, זיי אַ לוי יצחק פֿאַר אים.
זוך זכותן אויף אַן אָפּגעקומענעם ייד.
אין פֿאַרשפּינוועבטן דרימל פֿון נאַכטיקן כאָר,
חלומען די פֿאַרבלייבערס פֿון אַ לעצטן דור.

## מיין טאַטע יצחק

אַז מען האָט דעם אַלטן יצחק געפירט צו דער עקדה,
האָט ער אויפגעהויבן צום הימל די פאַרטונקלטע אויגן,
געזאָגט האָט ער מיט אַ שטים אַ מידער:
כ'ווייס אַז כ'וועל איצטער זיין דיין ווידער.
קיין גוטער מלאך איז נישט אָנגעפלויגן.
ס'ווערט דאָס פייער פלאַמענדיקער און גרעסער.
פאַר מיין האַלדז איז געשאַרפט דאָס מעסער.
דער אַלטער יצחק האָט זיך נישט גענאַרט,
ווי ווען ער איז אַ חומש־ייִנגל געווען.
ער האָט אויף קיין לעמל נישט געוואַרט.
ווען מען האָט אים גענומען בינדן צום מזבח
און ער האָט דערשפּירט דעם זענגענדיקן ריח,
האָט ער אַזוי געטאָן זאָגן:
גאָט וועט די שחיטה נישט איבערשלאָגן.
ער האָט אויסגערופן מיט אַ שטים אַ מידער:
הנני, כ'בין גרייט צו זיין דיין ווידער.

## דער זיידע ענזל וועקט זיך

עצבות מיינע, פרעס מיר נישט אויף ס'טויטע האַרץ.
גאָרסטע שטילקייט, וואָס וועקסטו מיך פון שלאָף ?
שוין ווידער עפּעס אַ ויהי, שוין ווידער אַ שטראָף ?
וואָס פאַרגינט מען מיר נישט
דעם באַשערטן חושך מיינעם,
די לאַמטערנע מיינע צו דער אייביקייט ?
זיידע ענזל, גרויסער שותק,
ערשטער נאָמען פון מיין שטאַם,
הייליקער סוד, פון די זעקס און דרייסיק זיילן.
דו וואָס האָסט זיך מפרנס געווען
פון שמשות אין מהר"ם,
זע די פינצטערע פרייד דיינע.
ס'שפּאַנט צו דיר מיט מזל ברכה
דיין גאַנצע טויטע משפּחה.

זאַמל זי איין. דאָס איז דיינס.
דאָס איז דיין אַרבונג,
דיין גאַנצע ערדישקייט,
דער צונויפגערעכנטער סך־הכל
פון דיין לעבן און דיין שטאַרבונג,
לאָמיר טאַנצן — דו אינמיטן,
דעם כרת־טאַנץ פון אַ יידישער משפחה,
אויסגעוואָרצלט און פאַרשניטן.
כרת־כרת, כשר־טאַנץ,
אַלע טויט, אַלע דאָ, אַלע גאַנץ.

זיידע ענזל, האָסטו איטלעכן דערקענט ?
האָסטו יעדער טויט באַנומען ?
ווי קען איצטער משיח קומען ?
נישט כולו זכאי, נישט כולו חייב,
נאָר כולו פאַרברענט.

אַלע צווייגלעך פון דיין חלום
גיבן דעם טויטן זיידן שלום.
דער משפחה־קרייז פאַרענדיקט.
כרת־כרת, כשר־טאַנץ.
פאַרשניטן, אויסגעפליקט דאָס לעבן.
דער עיגול פון טויט איז גאַנץ.

## מיין ברודער בנימין

שענק מיר נאָך־ניט אויסגעוויינטע ווערטער,
גאָט, כ׳האָב נישט קיין כוח צו שעלטן
און איך וועל מיט זיי פֿאַרוויינען
דיינע פֿאַררויכטע וועלטן.

צו וואָס האָסטו באַדאַרפֿט,
אַז ס׳זאָל זיך אויף דער וועלט אַרומדרייען
מיין ברודער בנימין ?
דערמיט האָסטו אים אויסדערוויילט,
וואָס האָסט אים אַלעמאָל פֿאַרזען און פֿאַרטיילט ?

ער האָט געשניידערט, געוועבט
און אויך־מיר געלעבט,
כדי וואָס ? כדי זאָלסט אַן אָרעמן וועבער,
אויסשטאַטן אין בגדי קאָנצענטראַציע לאַגער,

און אים אונטערפירן אָן תכריכים און אָן אַ באַגרעבער
צום קוימען ?
און ביי דער רעכטער זייט האָסטו אים נחת באַשערט.
האָסט זיין וועג באַשווערט מיט דעם איינציקן
טרוים פון זיינע טרוימען,
זיין לאַכנדיק שטיקל פרייד
מיט די פעך־שוואַרצע זונען.
און ביי דער לינקער זייט
זיין שווער־לייביק ווייב,
פון אַ שטעטל אַ נאָענטס,
וואָס האָט אים אויפגעזוכט, געפונען,
און זיך פאַרנומען צו טיילן ביסן פאַר ביסן —
אָרעמקייט.

אויף וואָס האָסטו באַדאַרפט דעם נאַרישן וויץ ?
האָסט געגעבן אַ בליץ און באַשאַפן אַ שטיק אומגליק.
פון אַלץ האָסטו אים געקאַרגט.
האָסט אים געהאַלטן אין איין פאַרפּאַטשן, פאַרשעמען,
און נישט דערקענען.
אָבער אָפּגעהיט האָסטו ס'נפש זיינס,
ווייל דו האָסט אים זייער נייטיק באַדאַרפט,
צו פיר און פערציק יאָר פאַרברענען.
ליבער, הייליקער נאָמען,
מאי קא משמע מיין ברודער בנימין ?
אויף וואָס האָסטו אים באַשאַפן,
און קיין קרישקע גליק אים נישט געגעבן,
צו וואָס זיין גאַנץ לעבן פאַרשענדט ?
האָסט דווקא געוואָלט אַז ער מיטן ווייב זאָלן דערלעבן
פרייד אויף אַריבערצושוימען,
צו פירן דעם איינציקן זון
צו דער חופה פון קוימען,
און דאָרט האָסטו זיי אַלעמען פאַרברענט.

## ווידערשטאַנד אין געטאָ

מיר זיינען געווען פאַרהונגערטע,
צעטראָטענע, פאַרשלאַפטע יידן.
מיר האָבן נישט געוויינט, נישט געמאַכט קיין געוואַלדן.
די ערד האָט אונדז שטיל געהאַלטן.
איצט זיינען מיר שיינע, שטאָלצע,
שטראַלנדיקע יידן.
מיר זיינען טויטע יידן.

מיר האָבן זיך צוזאַמענגעפלאָכטן,
פאַרברודערט, פאַרצווייגט און געוואָרן
אַ וואַלד מיט שוואַרצע בוימער.
דער שומר האָט איבער אונדז געבייטשט מיט בליצן.
נאָר דער וואַלד האָט געברענט אָן שרעק,
דאָס פייער האָט צו די הימלען גענומען קלעטערן און שטייגן,
ס'האָבן געזונגען די צווייגן.

מיר זיינען געווען קליינע, פאַרשעמטע טאַטעלעך,
פאַרקרענקטע מאַמעלעך.
צו דר׳ערד געבויגענע זיידעלעך
און געשטאָרבענע קינדער.
מיר האָבן גאָרנישט געזאָגט,
מיר זיינען געווען אָן לשון.
פלוצים האָבן מיר געקראָגן
אַ מוראדיקע און מעכטיקע שטים.
מיר האָבן געשריגן העכער און העכער,
ס׳איז פון אונדז אַלעמען געוואָרן —
איין געטלעכער אַנאָנים.

זיי זיינען געקומען, געלאָפן,
געפלויגן, געפאָרן איבער אונדזערע לייבער,
זיי האָבן אויף אונדז געגאָסן הייסן אייל.
אונדזערע קברימדיקע שטיבלעך זיינען פאַרשוואונדן.
זיי האָבן אונדז אַרומגעצונדן.
אָבער מיר האָבן געוואַנדלט אין פייער.

די קליינע טאַטעלעך זיינען געוואָרן
וואַלדיקע כאָרן.
און מיר האָבן אַזוי געזונגען :
מיר זיינען דער וואַלד
און דער וואַלד ברענט,
און גאָט שפּאַצירט מיט אונדז
אין ברענענדיקן וואַלד.

מיר זיינען געקראָכן, געגאַנגען,
אויפגעשטאַנען צום לעצטן שטיי.
ס׳האָט אונדז אויף די פיס געשטעלט
אונדזער שווידערלעכער געשריי.
מיר האָבן געשאָסן, מיר האָבן געטויט.
מיר האָבן געשאָכטן און געוואָרגן.
מיר האָבן געזען זייער בלוט,
געזען מיט לעבעדיקע אויגן.

פונקען זיינען ווי שטיקער זון געפלויגן.
ווי וואונדערלעך דער וואַלד האָט געברענט.
און מיר האָבן געשאָסן,
מיר האָבן געזען ווי זייער בלוט איז גערונען,
זייער בלוט האָט זיך געגאָסן.

מיר זיינען שוין מער נישט געקראָכן, מיר זיינען געלאָפן,
געצילט, געשאָסן און געטראָפן.
מיר האָבן געזען זייערע טויטע קעפּ
און געשטאָרבן מיט זייער טויט
אין אונדזערע אויגן.
מיר האָבן זיך איינגעפלאָכטן, איינגעצווייגט,
מיר, די שטומע, האָבן ווי זיגרייכע קעמפער
געשריגן מיט איין שטים —
מיר, דער געטלעכער אַנאָנים.

מיר האָבן גאָרנישט געוואונען.
דער וואַלד האָט אויסגעברענט.
אָבער אין דער געטלעכער פינצטערניש
שפּאַצירן מיר קליינע טאַטעלעך,
פאַרקרענקטע מאַמעלעך,
צו דר'ערד געבויגענע זיידעלעך
און געשטאָרבענע קינדער.
מיר האָבן געזען זייער בלוט
און מיר זיינען צופרידן.
מיר זיינען שיינע, שטאָלצע,
שטראַלנדיקע יידן.

## דער וועלט־בויך

אין יאָר ניינצנהונדערט פערציק זעקס,
האָט מען געשניטן דעם צושטעל פון געבעקס,
און דער יקרות איז באַפאַלן
רינדפליש, פוטער, אייער, עופות.
דער וועלט־בויך האָט געפילדערט:
קויף עס.
דער וועלט־בויך האָט געליאַרעמט,
ווייל ער האָט נעבעך פאַרלוירן אַ לויט.
וויינען האָט געוויינט דער געזעטיקטער טויט,
דער איבערגעגעסענער טויט.

באַמיצלטע שוחטים, קיילערס און קצבים
זינגען אַריעס אין די יאַטקעס,
וועגן גליק פון בלוטיקן ביפשטיק,
און וועגן פרייד פון זייטלעך פלייש.
אין הויז וואַרטן די פייערפאַנען.
מחנות עלעגאַנטע ווייבער
גייען אויף יאַגד פאַר זייערע פאַרהאָרעוועטע מאַנען,
מיט די געפאַרבטע נעגל
ווי קליינע רויטע שפיץ־גאָפּלען.
מען באַלאַגערט די שפייז־געוועלבן.

די פרייזן דערשרעקן זיך און נעמען זיך טאָפּלען.
ס'וואַקסט די פּאַניק אַרום פּוטער־פּעסלעך,
ס'טאַנצט דאָס היטל־צוקער,
ס'גייען זויערע אוגערקעס אַ קאַדריל,
ס'זינגען מיט שיכורן געפיל
זויף־געטראַנקען.
דער וועלט־בויך הייבט זיך עלעגיש
און טראַכט די מעלאַנכאָליסטישע פּרעס־געדאַנקען.
ס'ליגן דערשראָקן אין איינגעקויפטן בייטל
אַ רויט רעטעכל, אַ ציבלקע, אַ הייפטל קרויט.
וויינען וויינט דער געזעטיקטער טויט.
דער איבערגעגעסענער טויט.

מ'פּראַוועט יאָרצייט־אָרגיעס,
איבער מיליאָנען קברים.
מ'האַלט דרשות, ס'ווערן כלומרשט
אויגן מיט טרערן פאַרהויכט,
אָבער אַלע קעפּ, אַלע מיילער זיינען פאַרבויכט.
די געדעקטע טישן באַשיינען
געשמאַקע לאַבנס פּאָמפּערניקל.
נאָזלעכער שנאַפּן, אַפּעטיטן גיבן זיך אַ צעוויקל,
מ'שעכט טוצן הערינג.
די ווייבער רייסן די צירונג,
מען בוקט זיך צום פליישיקן קאַלב.
ס'טאַנצן שטאָלצע טעלער מיט געבראָטענע הינער,
מיט די צוגעברוינטע טשאָלנט־קאַרטאָפּליעס.
די פּופּיקלעך, די לעבערקעס,
מאַכן חנעוודיקע קניקסן.
מ'עסט קריכנדיקס, אַלערליי פלאַנצן און געוויקסן.
ס'ווערט איבערגעלאָדן מיט זעט
און שיר צעפּלאַצט דער הילף־באַנקעט.
ס'זינגען זינגערס, אָרקעסטערס שפּילן.
די צרות נעבעך בראַזגען אויף אויטאָמאָבילן.
ס'יאָגן באַנען, ס'הוזשען עראָפּלאַנען.
ס'חלומען בעטן.

און ערגעץ אין גרויסע קאַבינעטן
קנייטשען די שטערנס
עקאָנאָמישע ראַטן.
ס׳ביילן זיך סקעלעטישע פויסטן —
ס׳ציטערט די הויט אויפֿן זאַטן.
מיר זיינען ערשט־אָ אָפּגעווישט געוואָרן.
ערשט־אָ.
מיר וועלן נישט אויסכאַפּן אייערע זעמל,
אייערע קאַשע־וואַרניטשקעס,
אייערע גראַשיצעס, קוגלען־טאַצן.
געזיכערט זיינען אייערע ברעטער מיט סמאַליענדיקע
קאַרנאַצן.
מיר וועלן אייערע וויינען ניט זויפֿן.
מיר וועלן אייער שפּאָנדרע נישט אויסקויפֿן.
מאַך אַ קליינע פּויזע,
אַ פּויזע פֿון שטילקייט,
מיאוסער, תּמעוואַטער וועלט־בויך.
מיר זיינען דאָך אַזוי מיליאָנענווייז נישטאָ,
אַזוי שוידערלעך נישטאָ.

ס׳מאַרשירן די קיילערס פֿון סדום,
מיט די פֿאַרבלוטיקטע פֿאַרטעכער.
געוואַלד, אַזויפֿיל שוימענדיקע ביר־פֿעסער,
אַזויפֿיל פֿאַרשייטע גאָפּל־מעסער,
אַזויפֿיל פּילדערנדיק געשיר,
אַזויפֿיל ווייַן, טאַנץ, ליכט, קאָליר.
אַזויפֿיל בורלעסקישע עס־פּראָבלעמען —
די טויטע צו פֿאַרשעמען.
ערשט־אָ זיינען מיר פֿאַרטיליקט געוואָרן.
ערשט־אָ.
גרויסע מיניסטאָרן־קעפּ, גיט אַ באַפֿעל,
זאָל מען כאָטש אויף אַ שעה בלויז
אָפּשטעלן די בויך־קאַרוזעל.

## מיין קינדס־קינדס פאַרגאַנגענהייט

אין דער פאַרגאַנגענהייט בין איך אַלעמאָל פאַרגאַנגען.
ווי אַ וואונדער פאַרגאַנגען.
און אין איצטער בין איך געווען אַ חדר־יינגל,
וואָס האָט געלעבט מיט גמרא־געזאַנגען,
ווי אַ חדר־יינגל דאַרף לעבן,
מיט אַ צוגעשפּאָרטער זון,
אין אַן אויסגעטראַכטן פּאַלאַץ
פון יידישע צרות.
אוי, מיין פּאַלאַץ האָט געברענט ליכטיקער,
ווי טויזנט־און־איין־נאַכט.
ס'האָבן עלטער־עלטער זיידעס
מיינע געצונדענע חורבנות אויסגעטראַכט.

בין איך אונטערגעגאַנגען מיטן ערשטן חורבן
און מיט דעם צווייטן.

מיך אַליין האָט מען פאַרטיליקט אין די טויזנטער,
אויפגעגעסן אין הונגערטעג
און מיך צעזייט און צעשפרייט צווישן די פעלקער.
און סליחות און קינות און שטראָפן
האָבן אויף מיר אָנגעוואָרפן
אַשור, בבל און מלכות יון
דורך אַלע מיינע תשעה־באבן.
און דער הונט און דער סטרוזש
און די זאַמדער שלעגערס
זיינען כסדר געווען מיינע יעגערס,
און איך — אַ קליין יידיש פיקסל
מיט אַ לעבן אָנגעשראָקן און אָנגעשפּיצט,
האָט זיך באַשיצט מיט אַ ל״ג־בעומר ביקסל,
ווייל כ׳האָב געמוזט וואַקסן און לעבן איצט,
ווייל אין דער פאַרגאַנגענהייט
בין איך אַלעמאָל פאַרגאַנגען —
ווי אַ וואונדער פאַרגאַנגען.

אין די מיטעלע יאָרן איז מיר באַשערט
אויג־אויף־אויג צו דערזען
מיין קינדערשן אַמאָל־איז־געווען.
מיין פּאַלאַץ פון יידישע צרות
איז נישט קיין לעגענדאַרישער,
און מען דרענגט מיך אום טאָגטעגלעך
אין די צענדליקער טויזנטער.
ווי האָב איך גאָר געקענט מיינען,
אַז יידישע פאַרגאַנגענהייט
איז אַ היסטאָרישער בית־הקברות ?
ווי האָב איך זיך געקאָנט איינריידן,
אַז ס׳ווערן יידישע קינדער דערצויגן
אין לוקסוס פון אויסגעטראַכטע צרות ?

אויג אויף אויג מיט אַלע מיינע אונטערגאַנגען,
מיין חורבן ברענט.
באַלד וועלן מיך דערגרייכן די טויטן פון מיין צייט.
גאָט, כ׳ווער מיין קינדס־קינדס פאַרגאַנגענהייט.

## פסוקים

איבער די פוילנדיקע ביינער פון רשעים
און זייערע קרבנות,
וואַקסן בלומען.
ווי אַזוי קאָן משיח קומען,
אַז שכר און שטראָף
ווערן פאַרוואָגלט
אין אַ שטענדיקן שלאָף ?
ווי טאָר מען און ווי קאָן מען גאָר
ביזן זיבן און זיבעציקסטן דור פאַרגעבן,
עמעצן וואָס לעשט אויס אַ לעבן ?

ס'שטאַרבט דער רוצח,
זאַט מיט יאָרן,
און ווערט אָפּגעמעקט פון זיכרון,
צוזאַמען מיט זיין קרבן,

וואָס איז מיט געוואַלט
אויסגעפליקט געוואָרן
און האָט אַפילו נישט דערלעבט
צו זיין געשטאָרבן.

די טעמפע פעלדער
זיינען ליכט־באַמיסטיקט,
מיטן שענסטן זון־אויפגאַנג,
אויב ס׳לעבן איז אומזיסטיק
און אומגערעכט,
אויב ס׳האָט נישט קיין האַפט
אונדזער אויסגעמאָלטער לאַנדשאַפט
פון גוט און פון שלעכט.
אָן מצוות פאַר עבירות
איז שיינקייט בלויז פאַר בהמהשע מעלה־גרהס.

מיר זיינען דאָס פאַרשעמטסטע, געפלעפסטע
פאָלק אויף דער ערד.
נישט געלעבט מיטן אַקער
און נישט מיט דער שווערד.
מיט אַ רחמנות וואָס איז טמא,
קלינגען גלעקער און פאַרקלינגען
אונדזער געשריי נאָך נקמה.
מיט פאַרברעכערישער גנאָד
פון פאַרגעבן,
וואַרפן זיך אָן אַ פחד
אויף אונדזער מאַראַנען־לעבן.

מען וועט ווייטער דערמאָנען
געטע, קאַנט,
ניטשע, פיכטע.
פילאָזאָפיש־וואָגיק,
וועט זיך ווידער אויספוצן
די דייטשישקייט פון לאָגיק.
מערדער און קרבנות
וועלן צוזאַמען ווערן

מיסט פאַר געשיכטע.

איז דאָס וואָס איז פאַר אונדזערע אויגן
ערשט געשען,
שוין אויך צום פאַרשטיין ?
איז דאָס אויך שוין געפרעגט
און פאַרענטפערט ?
אומגליקלעכמאָל — ניין !
זיינען מיליאָנען פאַרפייניקטע לעבנס
נישט מער ווי ביישפּילן,
וואָס וועלן ווערן —
מוסר השכלס, פאַר טעותן פאַרריכטע ?
קען מען זיי אויך,
מיט גזלנישער פען פאַרגעבן,
ווי בלעזלעך פון געשיכטע ?

אונדזער אומגליק וואַקסט מיט יעדער שעה
און מען גלויבט אונדז אַלץ נישט,
אַז מיר זיינען נישטאָ.
מען וויל נישט הערן אונדזער קלאָגן.
אונדזער טויט האָט קיין וואָרצלען נישט געשלאָגן.
דעם נעכטן האָט דער שונא פאַרטיליקט,
דעם מאָרגן האָט ער אונדז פאַרבאָרגן.

מיר זיינען די היינטיקסטע יידן פון אַלעמאָל,
מיר זיינען לעבעדיקע און טויטע,
אויסגעחשבונט אין איין צאָל.
קדוש ! קדוש ! קדוש !
יעדער ייד אַ פלאַקערדיקער דאָרן.
פאַר יעדער ייד וואָס מיר האָבן פאַרלאָרן.

## אונדזער טאָגנדיקע נאַכט

דאָס איז אונדזער ירושהדיקע נאַכט.
פאַרלעש זי נישט, האַלט זי וואַך.
דער שעכטער שעכט, דער וועכטער באַוואַכט
אונדזער טאָגנדיקע נאַכט.

שווער צו שפּינען פון פּחד גלויבן ?
קיינער באַפעלט דיר נישט גאָט צו לויבן.
דרימל נישט, שלאָף נישט,
וואַכמייסטער פון אונדזער נאַכט.
מיט ביקס אין האַנט, הין און צוריק,
שפּאַן און שפּאַן, אויף דער נאַכט־טאָג בריק.

אַזוי האָט גאָט געבאָטן.
ווערט פון פינצטערניש די קראָטן.
פלעדערט אַרום מיט בלינדע אויגן.
וואָגלט מיט קראַנקע פליגל,
באַזעצט זיך אויף די נאַכט־געזימסן
ווי די סאָוועס.
נישט געשלאָפן. ווערט פאַרשווידערט אין אַ טויט־קאַטאָוועס.
אימהט מיט לעבן פון די חושכדיקסטע ווינקלען.

שווער די נאַכט דורכצוהאָפן ?
אָבער אַזוי האָט גאָט באַפוילן :
אַפילו ווען אַלע לענדער זאָלן ווערן אונדזער פוילן,
אַלע הייליקע שריפטן טויטע טייטשן,
אַלע מענטשן אונדזערע דייטשן —
געלעבט, געלעבט און נישט געטראַכט.
שומר, שומר האַלט די פעסטונג פון אונדזער נאַכט.

## לובלין, מיין הייליקע שטאָט

לובלין, מיין הייליקע יידישע שטאָט, שטאָט פון גרויסן יידישן דלות און פרייליכע יידישע יום־טובים. דיין יידן־גאַס האָט גע־שמעקט מיט פרישע ראַזעווע און געבייטלט ברויט, געזייערטע אוגערקעס, בשמים, הערינג און יידישן בטחון. דעם רבינס בית־מדרש, די מהר״ם־שול און די מהרש״ל־שול, די באַלמעלאָכעשע שטיבלעך און שולכלעך האָבן געשאָנקען דעם קודש צום חול פון דעם וואָכיקן גרויסהאַנדל, משטיינס געזאָגט. די פּאַרמעליקטע טרעגערס, וואָס זיינען געשטאַנען און געוואַרט אויף אַ צווייער, האָבן זיך בינו לבינו אַריינגעכאַפּט אין רבינס בית־מדרש און הנאה געהאַט פון קול יעקב, פון די בחורים מיט די אַטלעסענע און סאַמעטענע קולכעלעך.

לובלין, מיין הייליקע שטאָט, שטאָט פון אויפגעוואַכטן קלאַסן־קאַמף. דיינע שניידער־יונגען, שוסטער־יונגען, דיינע געזעלן און משרתים זיינען אויפגעשטאַנען איינצופירן יושר, גלייכהייט, ברידער־

לעכקייט פאַר אַלע „חברים און בערגער". אַ הייליקער פלאַם האָט זיי געלייטערט די אויגן, ווען זיי זיינען מיט שמחה געגאַנגען אין קרימינאַל אַריין און אויפן וועג געזונגען רעוואָלוציאָנערע לידער.

לובלין, מיין הייליקע שטאָט פון בילדונג־דאָרשטיקע יונגעלייט און יונגע מיידלעך, פון דעם ערשטן בעז־אַראָמאַט פון יונג־העברע־איש און פון דער באַטעמטקייט פון שטאָלצן יידיש, פון חדר מתוקן, הזמיר, פראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, פון אונדזער געקייטלטער בענק־שאַפט קיין אָדעס און קיין וואַרשע, וואו מיר האָבן געציטערט איבער ביאַליק, פרישמאַן, מענדעלע, פרץ, שלום עליכם, רייזען. מיין שטאָט פון פאַרחלומטע מאָלערס, פּאָעטן און פידל־שפּילערס.

לובלין, מיין הייליקע שטאָט, מיט דעם אַלט־אַלטן און ניי־אַלטן בית־עולם, מיט די אוהלס פון גוטע יידן, קברים וואָס צו זיי טאָר מען נאָענט נישט צוטרעטן, סיידן אין אַ גרויסער צרה, ווייל די ערד ברענט ממש פון הייליקייט.

הייליקע שטאָט מיינע, דאָס האָסטו אויסגעבעטן די זכיה פאַר זיך, אַז ווען מען וועט ברענען און בראָטן אַנדערטהאַלבן מיליאָן יידן, זאָל מען עס טאָן אין שאָטן פון דיינע קנאָפּע טויזנט יאָר יידישקייט. דעם־אָ הייליקן בעת־עולם האָסטו געוואָלט פאַר זיך, כדי פון אַלע דיינע הייליקע גוטע ערטער זאָל ווערן איין הייליק גוט־אָרט פאַר איין גרויסן צדיק — דאָס יידישע פאָלק. כ׳צי אַרונ־טער די שיך פון מיינע פיס ווען כ׳קום צו צום מאַידאַנעק־ווועלדל. די ערד איז קודש קדשים, ווייל ס׳יידישע פאָלק רוט דאָרט אין שאָטן פון הונדערטער פרומע דורות.

ווער וועט דיך צוריקשטעלן און צוריקבויען, מיין הייליקע שטאָט, אַז פאַרוויסט ביסטו געוואָרן ביז דיינע פונדאַמענטן און ביסט איין מוראדיקע מצבה.

מען שלאָגט שינדלען, מען לייגט דעכער, מען פאַרריכט און מען פאַרניצעוועט אַן אַלטע, פאַסקודנע וועלט, אָבער מיין הייליקע שטאָט, די שטאָט פון מיין וועלט, וועט קיינמאָל נישט צוריקגעבויט ווערן.


געטלעכע
צייט

## געטלעכע צייט

די גרעסטע קללה איז צייט,
צעצויגענע צייט.
נישט די היינט־מאָרגנדיקע,
נאָר די צעאייביקטע צייט,
וואָס דו, מיין גאָט, טראָגסט ווי אַ משא
אויף דיינע פלייצעס.
די רגעס וואָס רינען לאַנגזאַם,
ווי זאַפט אין גראָב־שטאַמיקעביימער.
דיין נקמה וואָס מוז וואַרטן טויזנט יאָר
אויף אַ טאָג.

די וואָס האָבן פאַרוויסט דיין הויז,
אַוועקגעלאָזט מיט רויך דיינע שטילע שעפסן,
געמאַכט פון דיינע שולן חזירים־שטאַלן,

װעלן הונדערט מאָל שטאַרבן,
אײדער ס'װעט אױפֿגײן און זיך צעבליִען
דײַן נקמה,
די אױסגעצײטיקטע, אײַנגעדולדיקטע נקמה.

איך, אַ קלײן מענטשל,
אַ הרף־עין'דיקס שטײ און שעלט,
שפּוך חמתך — די אותו מינוט.
שטרעקסט אױס דײַן שטראָפֿערישע האַנט,
און די געטלעכע צײַט
לײגט אַרױף אױף איר
אײַזערנע שטיקער אײביקײט.

אַלע מײַנע רוצחים שטאַרבן רויִק,
אין די אײגענע בעטן,
ס'באַװײנען זײ קינדער,
אַפֿילו די ערד נעמט זײ אױף
מיט אַ פּאַרצלמטן קרעכץ.

דײַן שטראָפֿערישע האַנט,
אַ שװערער װײזער,
האָט זיך אָפּגעשטעלט
אױף אַ קרעכצנדיקן, געטלעכן זײגער.
דער אומרו איז שטיל.

מען זאָגט אַז דײַן צײַט קלאַפּט אױך.
אָבער מיר הערן נישט
דעם טיקטאַק פֿון דײַן אײביקײט.

## כ׳וועל זיך איינגלויבערן

כ׳וועל זיך איינגלויבערן אין דעם שטויבעלע וואונדער,
וואָס פלעקט דעם אויסזיכט אויף צוריק,
אַזוי ווייט ווי דער טונקעלער בליק
קען צוריקחלומען, צוריקזען.
אין דעם אויפגעטויכטן,
אויפגעלויכטן טונקל,
העלט אויף אַ האַלבער
אָפגעראַטעוועטער שטערן,
וואָס האָט נישט באַוויזן חרוב צו ווערן.
אַ שטיק אויפגעריסענער פּלאַנעט
וואָס האָט אַמאָל געהאַט לעבן,
גרינע שפע, פּאַשעדיקע זעט.
עדות: מיינע טרערן־פּאַרלאָפּענע אויגן,
די ווייטע פלאָראַ, די בלוט־באַטרויבטע,
אונטער אַ הימל פון אייביקן אונטערגאַנג;
די בלעטער, וואָס וויגן זיך ווי גלעקער,
באַטויבטע, אָן קלאַנג,
אויף פון קיינעם־נישט־געזעענע ביימער
אין אַ ליידיקער וועלט.

כ׳וועל זיך איינעקשנען,
זיך איינפלאַנצן
אין אַן אייגענער, אינטימער נאַכט,
וואָס איך האָב אינגאַנצן אויסגעטראַכט
און אַרומגעוואונדערט פון אַלע זייטן.
כ׳וועל געפינען אַן אָרט אין רוים,
ווי אַ פליג די גרויס,
און מיט גוואַלט אַוועקשטעלן דאָרט,
אויף אַלע צייטן
אַ וויג, אַ קינד,
אַריינזינגען אין דעם אַ קול
פון אַ דרימלענדיקן טאַטן,
מיט אַ פּנים אין קול,
מיט ליבשאַפט אין קול,
מיט פאַרהויכטע אויגן,
וואָס שווימען אין קינדס שלעפעריקע אויגן
ווי וואַרעמע לבנות.
און אַרומבויען וועל איך אַרום דער וויג אַ יידישע שטאָט
מיט אַ שול, מיט אַ לא ינומדיקן גאָט,
וואָס וואַכט איבער די אָרעמע קראָמען,
איבערן יידישן פּחד,
איבער דעם בית עולם,
וואָס איז לעבעדיק אַ גאַנצע נאַכט
מיט פאַרדאגהטע מתים.

כ׳וועל זיך איינקלאַמערן מיט די לעצטע טעג,
און אויף להכעיס זיי ציילן אין דיר, פאַרגליווערטער עבר,
וואָס האָסט מיך אויסגעלאַכט,
וואָס האָסט אויסגעטראַכט
מיין לעבעדיקע, ריידעוודיקע
יידישע וועלט.
זי איינגעשטיליקט,
און אין מיידאַנעק־וועלדל
מיט עטלעכע שאָס פאַרטיליקט.

# לידער פון שטילקייט

מיין ברודער מרדכי׳ן

## אַריינפיר

גיי אַוועק פון זיי. הויב צוריק אָן.
דערוועג זיך צו זיין דערוועגט.
דערוועג זיך צו פאַרשטאַמלען
דיין נאַרישע צעקלאָרטקייט.
גיי, דינג זיך אָן אויף דער לער
מיט דיינע לידער.
האָסט שוין אויסגעגראָבן געגוג נאַרן־גאָלד.
שאַרפער, שניידיקער, ווידערשטאַנד, וואו ביסטו?
יונג־מעסערדיקער צו־להכעיס.
דיין דור האָט דיר אָנגעטאָן אַ יאַרמעלקע,
וואָס פאַלט דיר איבער די אויערן,
און האָט דיך אויסגעלערנט
צו ריידן הייליקע דברים בטלים.

## אַזויפיל ליכט

ס'שטראָמט אַזויפיל ליכט פון שטילקייט
איבערגענוג צו באַלייכטן דעם טרויעריקן וועג
צוריק צו צוזאַמענדיקער יונגשאַפט,
ווען די עלטסטע דיינע
זיינען אויך געווען יונג אין דיר
און געלעבט מיט דיר
אַ גאַנצע, צעזונגענע, אייביקע קינדשאַפט.
נאָך אָט־דער יונגשאַפט בענקסטו,
נאָך דער אַרומגערינגלטער, געפאַנגענער,
פאַרשטייגלטער,
נאָך דער אַלטגעזעסענער.
די יונגשאַפט פון אַ קלוגן אַלף,
וואָס האָט אויפסניי, פאַר דיר,
געפונען זיין אָרט אין סידור,
זיין ליכטיקן טייטש אין חומש.

## געדענק איך נאָך

געדענק איך נאָך דעם אַריינגעדרייטן טייטש
פון ווערטער, דעם פאַרדרימלטן מיין
פון צוזאַמענגעפלויגענע אותיות,
פון אויפגעשראָקענע פייגעלעך,
צוזאַמענגעשנאָבלט אין שלאָף,
וואָס האָבן געחלומט פון מלאכים ;
פון נשמה'לעך וואָס האָבן זיך געוואַשן
מיט ווייסע שמאַטקעלעך
אין פולע גלעזער וואַסער
ביי פאַרדעקטע שפיגלען ;
פון רייד וואָס האָבן געזוכט פרייד
אין הייזער וואו דער טרויער
איז געגאַנגען אין זאָקן אויף שפיצפינגער.

## ביסט געוואַקסן

ביסט געוואַקסן אויף דער דלאָניע
פון טאַטע־מאַמע.
ווען דו ביסט געווען,
זיינען זיי שוין געווען,
מיט זייער ליבשאַפט,
וואָס האָט אַרומגעזונגען
דעם צוקאָפּנס דיינעם
מיט פאַרשלעפערטע לידער.
זייערע יאָרן זיינען געווען
אַריינגעציילטע רענדלעך
אין דיינע טעג און נעכט.
דעם זיידנס באָרד,
דער גלעטנדיקער פוך,
האָט פריילעך געמאַכט דיין פּנים,
ווי אַ לאַכנדיק מעשהלע
און געגעבן באַוואָרעניש און האַפט
צו אָפּגעציטערטע טעג,
געמאָזלטע, פאַרקייכטע, פאַרטיפוסטע,
און פאַרגלייזטע ווי די אייגלעך
ביי אַ מיד און שוואַך שוועלבעלע,
וואָס וויל פאַרשלאָפן היינט ביינאַכט
דעם גאַנצן רויטן מאָרגן
אין פענצטער.

## מעסט אויס

גיי, מעסט אויס אין צייט
די דאָזיקע באַוואָרנטע יונגשאַפט,
די אויסגעצויגענע אין זמנים,
פון שלאַקס־רעגנס, שנייען,
און ערשט אויסגערייפטע באַרנעס און קערשן,
אין חדר־זמנים, אין ימים טובים.
בלויז מיט אַ טונקעלער לאַמטערנע
פון כמעט געשטאָרבענער שטילקייט,

קענסטו צוריקשפּאַנען אָן מורא
צו זוכן אַ שפּור פון יונגשאַפט,
איינגעיאָרנט אין אַן עדה,
וואָס זאָגט אמן יעדערמאָל,
ווען דו עפנסט די אויגן,
צו מאַכן אַ ברכה אויף אַ נייעם טאָג.

## דער מיין פון דיין קינדשאַפט

דאָס וואָס איז נאָך אַפילו
רעכט קיין לשון נישט געווען.
נאָר בליץ פון אויג, פון האַרץ.
דאָס וואָס צדיקים פון אַלע פעלקער
און אַלע אומות
רעדן אפשר אויף יענער וועלט,
אין איבערגעזעצטער,
אין איבערגעליכטיקטער אומשטערבלעכקייט —
דאָס איז געווען דער מיין פון דיין קינדשאַפט,
פון דיין יונגער, קינדישער אייביקייט.

## זאָלסט בענקען

נישט נאָך דער יונגשאַפט,
וואָס וואַקסט און קריגט כוח
צו שלאָגן דאָס לעבן,
זאָלסטו בענקען,
נאָר נאָך דער קינדשאַפט,
וואָס איז אַ פעדערל פון אַ גרינעם פויגל,
גרין און גאָלדיק,
און אַ שטיק געלעכטער
אויף דער דלאָניע
פון יונגע טאַטע־מאַמע.
צינד אָן אַ קנויט שטילקייט
און באַלייכט דיין
פאַרצווייגטע פינצטערניש.

## אָנגעוואוירן

אָנגעוואוירן האָסטו דיין מלכות
פון אייביקער קינדשאַפט.
נישט טויט, נישט צייט,
נישט ימים און מדבריות,
האָבן פאַרטונקלט די קרוינען
פון דיינע יונגע טעג,
וואָס האָבן געלעבט אין דיר,
זיך געיונגט ווען דו האָסט זיך געעלטערט.
דער פאַרטיליקער פון דיין שטאָט
האָט אויך פאַרטיליקט דיין וויג,
דורכגעשאָסן דעם טאַטנס האַרץ
און געטראָפן אַ גאַנצע וועלט
מיט יידן, אין האַרץ פון דיין יונגשאַפט
ווי לאַנג ס׳זאָל דיר נישט באַשערט זיין
זיך צו עלטערן,
זיינען אַלע דיינע יאָרן געקעפּט.
זיי וועלן קומען געעלטערט
צו אַ הייל פון שטילקייט,
זיך איינמויערן,
זיך איינגליווערן,
אין אַ באַזונדערער, נישט־געטרייסטער,
פאַרלאָשענער שטילקייט.

## פאָרט אַ ייד

פאָרט אַ ייד קיין ארץ ישראל,
וויינען אין אים אַלע פריידן.
וואָס נענטער ער קומט צום טויער,
פאַרגינט ער זיך נישט דאָס לעבן.
גוואַלד און סטייטש !
וויינען אין אים אַלע פריידן.

דער ייד איז אַ פּליט.
זיין ווייב האָט מען פאַרפייניקט,
איין קינד פאַרברענט,
אַ צווייט קינד איז געשטאָרבן פון געשווילעכץ.
גוואַלד און סטייטש,
וויינען אין אים אַלע פריידן.

מיטאַמאָל וואַקסט אויס אַ פייערדיקער גיבור
מיט אַ געשטרעקטער שווערד,
כ׳וועל דיך צעפערטלען אויפן אָרט,
אויב וועסט נישט זינגען מיט אַלע ביינער.
גוואַלד און סטייטש,
אוי טאַטע־פאָטער.
וויינען אין אים אַלע פריידן.

וויינט דער גיבור און ער לייגט די שווערד אין שייד,
און ביידע טאַנצן וויינענדיק דורכן טויער.

## די לודמירער מויד קומט צוריק פון וויסטן וואָגל

צו רחל קאָרן

נישט פלייש פון פלייש אוןביין פון ביין.
כ׳בין דאָס וווּיב פון אייער געוויין.
אין גרעסטע סכנות האָב איך באַהאַלטן,
די טרייסטנדיקע עצבות פון אייערע געשטאַלטן.
ממעמקים האָב איך געזונגען
צו אַלע מיינע גוטע, ליבע, נאָנטע,
אָבער פאַרכטיקער האָט מיין געזאַנג געקלונגען
צו אייך די זעקס־און־דרייסיק אומבאַקאָנטע.

ראַטעווע מיך פאַר זיי, זיי פאַר מיר.
כ׳האָב קיינמאָל פאַר זיך אַליין נישט געבעטן.
האַלט גאַנץ די טרויעריקע משפחה
פון זינגענדיקע שטאַפּעטן.

דורך די אָפּגרונטיקסטע מוראס
האָב איך געוואָגלט,
מיט מיינע טייטש־חומש ספר תורהס.
פחדים זיינען געווען מיינע נעכט,
יללות מיינע טעג.

מיינע שעה׳ען פאַרשוועכטע טרערן.
ס׳האָט נישט איינמאָל דער לודמירער מויד געצויגן
אַ טשיסטע מויד צו ווערן.

נאָר איר, טייערע גוטע יידן,
אייערס אַ פסוק, אַ זאָג, אַ גלייכווערטל,
האָבן מיין נשמה נישט געלאָזט פאַרמידן,
יידישע רייד האָבן מיך ווי גוטע מלאכים באַוואַכט,
געהערט האָב איך אייערע דאַוונענדיקע מיילער טאָג ווי נאַכט.
עקשנותדיק האָב איך אייך צו מיין מוח צוגעדענקט,
און דורך די שווערסטע עינוים האָב איך אייערע פנימ׳ער
אויסגעטראַכט, אויסגעבענקט.

ס׳פינצטערט אַזוי פיל נאַכט אויף אייערע פאַרלאָשענע קרוינען.
זינגען לאָמיר אינאיינעם אַ שטילן, חסידישן ניגון.
טאַטעניו געטרייער, ווער וועט אונדז פאַר אונדזער צער באַלוינען ?
פאַרגעלטער פאַרמעט אייערע געשטאַלטן,
אויף אייערע פנימער פלאַטערן אותיות,
פליענדיקע ווערטער וואָס האָבן ביים לעבן מיך דערהאַלטן.
לאָמיר איינפּאַקן ס׳ביסל יידישע אָרעמקייט
און ברענגען גאָטס פאַרטייטשטע ווערטער,
צו די האַרציקסטע אַמעראַצים,
צו די פאַרוואָרפנסטע יידישע ערטער ;
לאָמיר פאָרן פאַמעלעך אין אַן אַלט־פרענקישער בויד,
אַלע גוטע יידן צוזאַמען מיט דער לודמירער מויד.

נאָך שקיעה. אייערע באַשטריימלטע קעפּ
זיינען שלאָפנדיקע פינצטערע קרוינען.
די אַלטע פנימער אייערע זיינען איצט
אי אימהדיקער, אי שענער.
אין מיינע אויגן איז פאַרשפּיגלט
אייער צער, אייער מינדסט ליד.
זאָלן וואָגלען באַזאַמען די בעסטע,
די טרויעריקסטע יידישע מענער.
ס׳וועט זיי באַגלייטן די זינגענדיקע ליבשאַפט
פון אַ ווייבערישן גוטן ייד.

## דער דייטש טראַכט

ס׳איז אַלץ געווען אויסגערעכנט אויף פרידן פון זיג,
נישט אויף מיאוסן פאָרוואורף פון מפּלה ;
נישט אויף פרעמדן, בייזן קריץ פון געשיכטע,
נאָר אויף פאַרגעסנקייט פון אָפּגעווישטע בית עלמינס.
אויף אַוועק־מיטן־רויך פון אַ פאָלק,
אויף געלעכטער פון פריילעכע מערדער,
אויף דער פאַרדינטער רו פון פרומע תלינים,
וואָס האָבן שוין אַלץ אָפּגעטאָן ;
אויף שטאָלצע מאָנומענטן, שטאָט קלאָגנדיקע מצבות.

ס׳איז אַלץ געווען אויסגערעכנט אויף טאָטאַלן זיג.
אויף שטילע וועלט־אַלייען,
אויף ווייס־פאַרהענטשקעטע הענט פון ווערגערס.
אַפילו אויף קלוגשאַפט וואָס פאַרשט, פול מיט פאַרגעבונג,

די אומגעבראַכטע קרבנות.
(פאַרגעבונג פאַר קרבנות — העכסטער שטאַפּל פון נאָבעלן זיג!)
אויף לאַכנדיקע, מילדע אויגן
וואָס האָבן אומעטום אויסגענישטערט און געטויט די אומרו.

ס'איז אַלץ געווען אויסגערעכנט אויף אידילישן זיג,
און נישט אויף גרילצנדיקע מאָנונגען.
ווי מיאוס די מפּלה איז,
זיינען נאָך אַלץ מיאוסער די טענות,
וואָס בלויז דער זיג אַליין וואָלט געווען פאַרשטומט, פאַרענטפערט.
איצט מערן זיך די טענות ווי משוגענע שוואָמען.
דאָס וואָס האָט געזאָלט זיין אייביק געזאַנג
יאָמערט ווי מאָרד.
ס'לעבן נאָך נאָענטע פון קרבנות,
ס'איז פול די וועלט מיט זייערע געוויינען.
וואָס פאַר אַן ענטפער קאָן האַלב־אָפּגעטוענע אַרבעט
געבן אַזויפיל בייזע נאַראָנים?
בויגן די שולדיקע זייערע קעפּ
מיט גנעדיקן מיטלייד אויף די גערעכטע.
ווייסן זיי דען, ווי שטיל ס'וואָלט געווען,
ווען איבער דעם ליאַרעם
וואָלט געטורעמט דער שטאָלצער, פריידיקער מאָנומענט
פון זיג?

## וויפיל קריסט

וויפיל קריסט קען איך עס ווערן, משטיינס געזאָגט ?
וויפיל רחמנות ליגט דען אין מיין רשות
און וואָס קען איך פאַרגעבן ?
זאָל זיין, כ׳קען זיך וואַרפן מיט ווייכע קרישקעס
אויפן חשבון פון אַ פיצל לעבן.
אָבער וואָס איז מכוח דער געטלעכער פאַרטיליקונג ?
האָב איך דען פון זיי געקראָגן היתר און באַווייליקונג ?
קען איך זיין דער פאַררעטער
פון דעם ברענענדיקן דאָרן פון טויט ?
אַלע מיינע פאַטשערס האָבן געפאַטשט מיינע ביידע באַקן.
ס׳האָבן קיינמאָל קאָזאַקן נישט געגעבן די געלעגנהייט
אַ משניות־ייד צו ווערן אַ באַק־אויפשטעלער.
וויפיל ייד קען איך אין זיך אָפשמדן, משטיינס געזאָגט ?
אַ כזית. אַזויפיל רחמנות
קען מען נאָך ביי מיר אויסבעטלען
פאַר די קינדער פון מיינע מצורעדיקע שונאים.
אָט דעם כזית מיטלייד — נעם ביי מיר צו, פאַרטייל אים.
אָבער פאַרשאָטן נישט מיין האַרץ
מיט אַ רחמנותדיקן צלם.

## דער גוטער ייד טענהט זיך אויס

יונגערמאַן, לאָמיר אָננעמען — ביסט גערעכט,
איז טאַקע שוין מאַכן מיר דעם חשבון.
ווילסטו דוקא כ'זאָל דיר איצטער קלאָר זאָגן
דעם טעם פון מיין פירוש המלות?
וואָס דאַנק איך אים און פאַרוואָס?
פאַר וואָסערע מעשים טובים?
מיינסט, אַז עפעס האָט געטראָפן מיטן סידורל,
מיטן תהילימל, מיטן דאַוונען און בענטשן?
נו, גוט, יונגערמאַן, האַלטן מיר ביי בענטשן.

איז אַזוי די מעשה:
אויב דו מיינסט, אָט כאַפּ איך
און ווער זיין אַדוואָקאַט, —
האָסטו במחילה אַ גרויסן טעות.
אויף דעם וואָס ער האָט דערלויבט בימינו,

איז נישטאָ קיין פאַרענטפער.
און אויב ס׳שטעקט אַפילו אין דעם אַ טיפער סוד,
זאָג איך, אַז פאַר דעם טיפסטן געטלעכן סוד
טאָר אויך אַזוי אַ פאָלק נישט אָפּגיין אין בלוט.
דער חשבון שטימט נישט.
צי דאַרפן דען אַזוי פיל פאַרפייניקטע יידן
לייזן דאָס גרעסטע געטלעכע רעטעניש ?
נו, גוט, יונגערמאַן, האַלטן מיר ביי רעטעניש.

אָבער פון דער אַנדער זייט,
וואָס זשע זאָל איך טאָן ?
יונגערמאַן, לויט דיין שכל קומט אויס,
כ׳דאַרף אפשר ווערן זיין קטיגור ?
אַ פּראָקוראָר גאָר ! גוואַלד ס׳כאַפּט מיך ממש אָן אַ שוידער.
איך אים — וועל זעצן אויף דער באַנק,
איך אים — אָנקלאָגן.
איך אים — פאַרקלאָגן.
פאַר וועמען ? פאַרן אמתן ונתנה תוקף.

ניין, יונגערמאַן, דאָס וועסטו ביי מיר נישט פּועלן.
איך בין טאַקע נישט זיין ווינקל־אַדוואָקאַט,
אָבער אוודאי און אוודאי נישט זיין פּראָקוראָר.
נישט פאַר מיינע כוחות.
מוחל אַזעלכע קליענטן,
מוחל אַזעלכע פּראָצעסן.
נו, גוט, יונגערמאַן, האַלטן מיר ביי פּראָצעסן.

האָב איך אַ פּראַקטישערן אויסוועג.
כ׳דאַוון, כ׳בענטש,
כ׳לערן אַ בלאַט גמרא,
אָבער אַלץ ברוגזערהייט.
וואָס קען איך דאָ אָנווערן ?
אַמאָל גיב איך זיך אַ צעוויג, אַ צעזינג,
מיטן ניגון, צו פאַרגעסן די צרות,
די פּרעגענישן, די אָפּפרעגענישן,
די תירוצים, נעבעך,

וואָס זיינען נישט ווערט קיין אויסגעבלאָזן איי.
אָבער אַ זיפץ צעשניידט מיר דאָס האַרץ.
רבונו של עולם,
האָב איך דאָך אַ רעכט אויף מיין ברוגז.
איך בין אַ בשר ודם.
געטלעכע סודות זיינען פאַר די הימלען,
און איך באַוויין מיינע מיליאָנען טויטע
אויף דער ערד.
נאָר מער נישט,
מיין זיידע האָט געדאַוונט,
מיין טאַטע האָט געבענטשט —
בענטש איך אויך.
אָבער כ׳לייג אין דעם אַריין אַזוי פיל תרעומות,
אַזויפיל האַרציקע פאַרדרוסן,
אַז קיין גרויס הנאה פון מיין בענטשן
קען מען דאָרטן, אויבן, נישט האָבן.
ניין, וואָס אמת איז אמת, מיטן גאַנצן האַרצן בענטשן
קען איך אויך נישט.
איז גוט, יונגערמאַן, נעם זיך גוט אינזינען.
מיטן גאַנצן האַרצן בענטשן
קען איך אויך נישט.

## באַלאַדע

ער האָט נישט געמאָרדט.
ער איז געווען דער צוזאַמענטרייבער
פון קינדער, מענער און ווייבער.
ער האָט זיי בלויז געבראַכט צום אָרט.
געהערט די איילנדיקע שאָסן.
אַליין האָט ער קיין בלוט נישט פאַרגאָסן.
און אַז מ׳האָט אים דענאַציזירט,
האָט ער געגעבן אַ הויכן קריי
און געוואָרן געריירט.

אַ הונגעריקער געבלאָנקעט גאַנצע טעג
און געגריזשעט גראָז אויף די פעלדער.
אין קאָפּ ביי אים האָבן געפינצטערט
אויסגעלאָשענע וועלדער.
געקומען ביינאַכט אַהיים צום עלנדן טאַטן שווייגן.
דער טאַטע האָט זיך געוואָלט איבערצייגן.
צי דער זון איז נאָך אַ שטיקל מענטש.
מיט די פאַרגעלטע הענט פון לעדער־פאַבריק
האָט טאַטע זון געשלאָגן.
געוואַרט אַז דער זון זאָל געבן קריק.
זאָל ער שרייען, זאָל ער עפּעס זאָגן.
ער האָט געפּאַטשט דאָס יונגע, פאַרקרענקטע פּנים,
געריסן און פאַרשעמט דאָס ברודיקע בערדל.
געוויינט האָט דער טאַטע.
דער זון האָט געהירזשעט ווי אַ פערדל.

זון איז געשלאָפן אויף דער ערד
און געחלומט —
אַ גאַנצער וואַלד איז משוגע געוואָרן,
אויף יעדער בוים
און אויף טויזנט שרעקן.
אַלעביימער האָבן געשריגן
און געטריבן מיט ווילדע עקן,

גרויסע, גרינע פליגן.
ער האָט גוט געדענקט.
אים האָט איצטער גאָרנישט פאַרדראָסן.
ער האָט נישט געשאָסן.
ער האָט בלויז געלאַכט און אַרויסגעטריבן
יידן, יידן, יידן
פון איינגעפאַלענע שטיבן,
פון באַהעלטענישן אין פינצטערע חורבות.

אַ יונג מיידל האָט געהונקען.
איין פוס איז ביי איר געווען באַשוכט,
דער צווייטער באָרועס.
אַן אַלטער, פאַרשעמטער ייד,
וואָס אויף אים האָט ער מיט גוואַלט אַרויפגעוואָרפן
אַ ווייבעריש קליידל,
האָט געוויינט און געפירט ביים האַנט דאָס מיידל.

שפּעטער האָט ער אויסגעזוכט די צווי קאָמישע יידן,
געזעסן לעבן זיי, גערויכערט פּאַפּיראָסן.
אָבער ער איז געווען מוראדיק צופרידן.
ער האָט זיי נישט געשאָסן,
פונווייטנס האָבן געפינצטערט פאַרלאָשענע שטובן.
ער איז געווען מוראדיק צופרידן.

און איינמאָל אין אַ פרימאָרגן,
ווען דער טאַטע איז אַוועק אין פאַבריק
האָט ער אויסגעזוכט אין סטעליע אַ זיכערן טשוואָק,
געפונען אַ בענקל,
פאַרוואָרפן אויפן האַלדז אַ שטריק.
מער האָט ער עס שוין נישט געקאָנט פאַרטראָגן.
ער איז געהאנגען, געשפּירט ווי גיך ער לויפט.
איצט האָט ער געהירזשעט און געלאַכט.
זאָל אים דאָס מיידל מיטן באָרועסן פוס,
און מיטן ווייבערישן קליידל דער אַלטער ייד
פרואוון דעריאָגן.


גאָט׳ס
דאָרן

## גאָט׳ס דאָרן

ווער ס׳זאָגט אַז אויף אונדזערע קדושים
האָט זיך אויסגעגאָסן גאָטס צאָרן,
איז אַ לעסטערער און פֿאַרשווערער.
כ׳האָב געקענט גאָטס פֿלאַקערדיק פֿאָלק,
גאָטס וואונדערלעכן דאָרן,
וואָס האָט געשטאָכן די אויגן
פֿון פֿעלקער־פֿאַרברעכער.
געברענט האָט דער דאָרן
און געוואָרן פֿאַרברענט.

בלאָנדזשעט משה.
אַלץ איז פֿאַרוויסט, פֿאַרלענדט,
צעשטערט און פֿאַרשוויגן.
ער הערט —
גאָטס וויינענדיק קול פֿון די הויכן.
הוי, ווי געשריגן.
פֿאַרלאָשענער דאָרן,
מיינע הייליקע רויכן.

## קיינער

קיינער קומט שוין מער ניט מיט פריידיקע אויגן,
טויטע מאָרגנס צו באַזונען,
האָט שוין ווער אויף די וועגן
דעם זינגענדיקן נע־ונד געפונען?

דער בוים שטרעקט זיין האַרבסטיקן ציטער,
אַנטקעגן נעכט פון קאַלטן טרויער.
דרימל, מיין לעבן, ס'קומט בייז געוויטער.
דעכער ווערן דערשראָקענער און גרויער.

## אָפּשפּאָר

מיט וויפל האַרטע הויטן
ס׳זיינען שוין אַרומגעוואָרנט די וואונדן,
מיט וויפל פּאַרקנס
די געשטרעקטע פעלדער פון אייגענע טויטן,
ווערן די ווייטאָגן אַלץ אויפגעבונדן
און די צאַמען אַוועקגעשווענקט.
דער צער אונדזערער ווערט אומזיסטיקט,
גראָב צוגעדענקט, באַמיסטיקט
מיט דעם פאַרגעסנקייט פון שלעכטע יאָרן.

מיר ווערן פאַרקלעמט אין אַ וועלט,
פון אַלערליי דערפונדענע פלעדערשרעקן.
וואָס־זשע ווילן מיר דערוועקן?
וואָס גייט אונדז אַזוי עקשנותדיק צו געדענקען?
וואָס פאַראַ זאָגן ווילן מיר דורכטראָגן
און טייער פאַרהוילן זייער שכל,
דורך אַזויפיל פאַרחרובטע וואָרן?
וואָס ווילן מיר באַהאַלטן, אָפּשפּאָרן, פאַרהאָבן?
וואָסערע מגילות ווילן מיר באַגראָבן?

דעם סוד פון קליינעם פייער,
פון שטילן ביסל ליכט;
דעם אומגעריכט פון ערשטן מענטשלעכן געטרוי,
דעם טוי פון אַ קינדערשן שמייכל.

## וואוּיל־דערצויגענע

זיי האָבן וואונדערלעכע זיטן,
האָבן רחמנות אויף העלפאַנטן און פליגן.
דער טרויער פון קינדער אין די וויגן
נעמט זיי דורך — די איידעלע אַנטיסעמיטן.

זיי וויינען ביי בעטהאָווענס קוואַרטעטן.
פאַרצייכענען און געדענקען מאָראַלישע זאָגן.
העלפן דעם ברודער אַן עול צו טראָגן.
האָבן ליב פרויען־קעפּ צו גלעטן.

זיי זיינען שלאַנק און ציטעריק ווי אַ ליד,
ווערן זינגעוודיק אין זון־פאַרגאַנגען.
נאָר טאָמער דערזעען זיי אַ ייִד,
ווערן זיי פּלוצים אָראַנגוטאַנגען.

## קינות אויף די נשמות
## פון יידישע שטעט

### א

נשמות פון יידישע שטעט,
באַהאַלטן אין די פאַרמעטן פון אייביקייט.
ווען זיי אויפשטיין פון טאָל פון טויט?
וועט אויף זיי אַ בלאָז טאָן די זעאונג פון לעבן?
נאָר דו, מיין גאָט, ווייסט ווי שטאַרק זיי זיינען געווען.
ווייל דו האָסט זיי געבויט מיט דיין פאַרשטאַנדיקער גבורה.
נאָר דו, מיין גאָט, האָסט געוואוסט
ווי שוואַך זיי זיינען געווען,
איידער זיי זיינען אַוועק מיטן רויך.

### ב

דו האָסט נישט געשיצט די יידישע שטעט,
זיי נישט פאַרפעסטיקט,
זיינען זיי ווי הייליקע אותיות
אָפּגעשפּרונגען פון לעבן.
איצט הענגען פסולע נעמען,
אויףביישטידלען פון וויסטע וועגן.
אַלע גרעניצן פון דיין וועלט זיינען טמא.

### ג

קומען די נשמות פון יידישע שטעט
וויינען פאַרן כסא הכבוד.
גאָט ברוך הוא,
זע ווי גרינטלעך חרוב מיר זיינען.
דו האָסט אונדז באַשאַפן אין דיין געשטאַלט.
איצט איז דיין וועלט אַ שטיק גוף,
אַ דומם.
ווי געץ־גלעקער קלינגען איצטער

די נעמען פון שטעט,
וואַרשע, ווילנע, כעלם, לובלין.

ד

אין טאָג ווען כ׳וועל בויען מיין הויז,
אויב פאַרגעסן וועל איך אין די יידישע שטעט
זאָל פאַרשטומט ווערן מיין צונג,
פאַרטרויעריקט ווערן די בויערישע האַנט.
זאָל סייווי פאַרשטומט ווערן מיין צונג,
און פאַרטרויעריקט ווערן די האַנט וואָס בויט,
גאָטס הויז אויפן באַרג,
אויף אַ פונדאַמענט פון אַזויפיל פאַרגעסעניש.

ה

פאַרוואָגלט דער שלאָף.
דער ניט־דרימלער און ניט־שלאָפער
לאָזט זיך פאַרלייענען די געשטאָרבענע נעמען
פון הייליקע יידישע שטעט.
שמעקט דער זעמל־מעל פון זייער יידישקייט.
ס׳גייט אויף אַ רחמים
וואָס האָט זיך אָפּגעטאָן פון דער גאַנצער וועלט.
ס׳וויינען טויזנטער טויטע קינדער שירה.

ו

דאָס קינדישסטע, גלייביקסטע פאָלק,
מיט דעם בלוט פון יידישע שטעט
אין די אָדערן,
האָט אין די שרעק־חלומות
פון זיין שווערסטן גלות,
קיינמאָל נישט מורא געהאַט
פאַר אַזויפיל שוידער,
וויפיל די אַרומרינגלנדיקע וועלט
האָט אים אַנטקעגנגעטראָגן.
ווי אַ דערשראָקענע טויב

האָט ער געשטרעקט דעם האַלז צום שעכטער.
הייליק, דריימאָל הייליק.
דאָס שוואַכסטע קינד צווישן פעלקער,
מיט דעם בלוט פון יידישע שטעט אין די אָדערן.

ז

הייליק די וועלט, איידער זי צעלעסטערט דיך
און צעשטויבט דיין קעניגרייך.
בלאָז צוריק אַרויף אויף איר
דאָס אַש פון יידישע שטעט־געדעכענישן.
די רו פון איין אָפגעהיטן שבת,
דעם אַראָמאַט פון איין אויסגעבאַקענעם
יידישן יום טוב.
זע, מיט וויפל זעלנערשן כוח,
ס'שטייט אויף אַנטקעגן דיר
אַ ניט־יידישע וועלט,
מיט אַ געפּאַנצערטן, געשטרעקטן אָרעם.

ח

אָן פליש, אָן ביינער, בלויז גייסט,
זאָג נביאות, בן אדם, אויב דו קאָנסט,
אין טאָל פון אומברענג.
אַז אויך דאָס רוחניות
וועט אויפשטיין פון צוזאַמענגעקלאָגטן אַש.
ס'וועט געגענען געזאַנג צו געזאַנג,
רויך צו רויך, בענקשאַפט צו בענקשאַפט,
הייליקייט צו הייליקייט,
און ס'וועלן צוריק אויפשטיין
יידישע שטעט,
אין טאָל פון אַזויפיל
טויט־שאָטנדיקן חורבן.
זאָג נביאות, זאָג נביאות, זאָג נביאות,
ביזן לעצטן אָטעם דיינעם,
אויב דו קאָנסט.

### ט

פאַרוואָגלטער רוצח, זיי וויסן,
דו האָסט געבראַכט אויף דער וועלט דיינער,
אויף אַלע אייביקייטן,
די קללה פון אַ טויט האַרץ.
טרויעריקער מערדער,
האָסט אויסגעוואָרצלט ביימער, שטאַמען,
אויסגעפליקט משפחות, נעמען,
אָפּגעמעקט געדעכענישן,
פאַרמינערט דאָס געזאַנג פון דער וועלט.

### י

רעד זיך נישט איין,
אַז דאָס קען געשענקט ווערן.
רעד זיך נישט איין ,
אַז אין שענצטן אַרויפבוי,
קען דאָס שלעכטס פאַרגעסן ווערן.
זע ווי ס׳פּנים פון דער וועלט,
איז שוין צעקרומט און מאַלפּעדיק,
הער, ווי מ׳פאַרשטייט שוין מער נישט
איינער דעם אַנדערנס לשון.
האָרך, ווי מען בויט
אַלץ העכער און העכער,
דעם טורעם פון חורבן.
קוק זיך איין און זע,
צי האָט דאָס פּנים פון דער וועלט
איין שטריך פון ווייכער יידישקייט.
לייען די ביכער און שטוין,
ווי אויסגעמעקט ס׳זיינען
אַלע אותיות פון רחמים,
אַלע אותיות פון ספר.

## אָפּגענאַרטע

פאַר אונדז די פאַרטרויעריקטע,
מיט פאַלשער וואָג און מאָס פון שעה׳ן.
אָפּגענאַרטע, אָפּגעדויעריקטע,
מיט צייט־צויטן פון געלעכערטע נישטאָען ;
ווי אַזוי וועלן זיך ציילן אונדזערע טעג ?
אַז דער אָנווער
פאַרפינצטערט דאָס פאַרמעג.

# אין אַ געטאָ

אין אַ געטאָ פון טעג און נעכט
ליגט אונדזער אָפּגעראַטעוועט לעבן,
אַלץ וואָס טרעפט אונדז,
באַשערט און געגעבן,
איז יידיש דורך און דורך.
מיר האַנדלען־דורך די טעג,
מיט לייען און באָרגן,
און דרייען אַריין
די באַנאַכטיקע, דערשראָקענע לאָמפּן
פון אונדזערע באַזונדערע זאָרגן.
פּאַרפּאַלן, יידישער פּאָעט,
נישט דיר איז באַשערט צו ווערן
אַ פעסטונג פון ציטאַטן.
דעם תנ״ך וואָס זיי האָבן דיר צוריקגעוואָרפן
אַריבער דעם פּאַרקן,
האָב איך שוין לאַנג אויפגעהויבן אַ געשמדטן.
איצט ביזטו שוין ווידער אַליין.

אַליין.

פּאָעט, נעם די שטילסטע יידישע רייד,
פאַרגלייב זיי, פאַרהייליק אויף דאָס ניי.
אַלע דיינע מצוות הויערן ביי דיינע פיס געטריי,
ווי צוגעטרויטע קעצלעך;
קוקן דיר אין די אויגן
זאָלסט זיי גלעטן און טאָן.
ווייסט גאָרניט ווי ס׳שטייט אַלץ אין קאָן.

זאָלסט זיי טאָן.

זיי אָפּגעהיט. די פאַרוויסטונג רופט ווידער.
אַ ווילדער אַקער צעמורשט אַ גרויסע זעט
און געפינט דאָס האַרץ פון אַ סקעלעט.
און טאָמער זאָלסטו דיר איינרעדן
אַז אַ סקעלעט איז אָן אַ האַרץ,
זאָלסטו וויסן, קראַנק יינגל,
דאָס גאַנצע צעגליטע,
צעצונדענע לעבן
אויף יענער זייט פאַרקן,
קאָן דיך נישט שטאַרקן, דערהייבן,
ווייל ס׳איז סקעלעטן־האַרץ
מיט דער גאַנצער פרייד,
רחמנות און גלאָקן פון גלייבן.

פּאָעט, וואָס פון דער נאַכט?
אונדזער באַפרייאונג איז קליין,
אומבאַוואַכט, אומבאַשיצט.
ווער דער שומר, באַוואַך,
פאַרוואָר —
דאָס בטחונדיקע טיר־און־טויער־געזאַנג
פון — אַן איבעראַיאָר,
וואָס איז אויף תמיד
אין דיינע גלייביקעביינער איינגעקריצט.

# אַ זון

אַ זון פון מיליאָנען,
וועמעס לעבן איז זיי
אויסגעפייניקט געוואָרן,
האָט אַ רעכט צו מאָנען,
האָט אַ רעכט אויף זיין צאָרן,
אַזוי לאַנג ווי ער וועט לעבן.
אָ, ווער נישט פאַרצלמט, מיין פאָלק,
מיט ווייכן פאַרגעבן.

יעדער דריטער ייד איז פאַרטיליקט.
אפשר דו, אפשר איך, אפשר ער.
ווער האָט אויפגעהערט באַוויינען?
ווער האָט דער ערשטער
אָפּגעווישט די טרער?
ס׳האָט אונדז צוזאַמענגעקלאָגט
אַ גרויס געוויין.
די יעגערס פון דער וועלט
קאָנען אונדזער יאָמער ניט פאַרשטיין.

זיי וואָס גייען מיט ביקסן און לאַנגע מעסערס
זיינען די גרינגע פאַרגעסערס.
ס׳איז אַ טייל פון זייער אמונה —
זיי דאַרפן עס אויף חיונה.
מיר וואָס לעבן אויף בענקען
נאָך יעקבס אות און יעקבס קול
וועלן טראָגן דעם עול
פון אבילות און אייביקן געדענקען.

## גראָזן

שטיל און קליין און יונג,
זוכט שוץ פון רעגנדיקע בייטשן
די האַנט וואָס עפנט די טיר.
דער אָטעם פון לעבן איז צוגעשימלט.
דער טיש איז אַרומגעדרימלט.
די לופט פאַרדאַוונט
מיט נאַכטיקע טייטשן.

דאָס אומזיכערע הויז שווימט ווי אַ תּיבה.
ס׳קאָן מער קיינער נישט לויפן דערפון.
געראַטעוועט זענען מירביידע —
טאַטע און זון.

די האַנט איז יונג און ווייסט נישט פון טויט,
אויפן טאַטנס אַקסל
ליגט זי פאַרטרויט.

ווערסט זיך קיין מאָל נישט דערעלטערן צו מיר
מיט דיינע דינע יאָרן,
זאָגט שטיל דער טאַטע ווי פון שלאָף.
זיינע רייד זיינען אָן שאָטנס פון שטראָף.
דיין שולד איז אַ קליינע
באַהאַלטענע וואונד געוואָרן.
שטעל זיך נישט צווישן מיר און מיין קול.
באַזונדערע וועגן פאַר אונדז ביידע.

גיי צוריק מיט דיין אייגענעם עול.
באַלד וועלן זיך צעקרייען טויטע הענער.
זאָלסט אַפילו קלייבן די טעג ווי שפּענער,
וועל איך דיך מער ניט פירן צו דער עקידה.
דיינע נסיונות וועלן שוין זיין
אייגן דערוואָרבן.
לען זיך מער נישט אָן אויף מיר.
אַליין מוזסטו ווערן עמעצענס קרבן.

די שטוב איז ווי כ׳האָב זי געלאָזן,
דורך די פענצטער זע איך די גראָזן
פון מיינע קראַנקע טעג.
צו דער לאַנקע פירט
דער פאַרמיסטיקטער וועג.
בין איך אַהער חלילה זיך געקומען לאָדן ?
מאַכן פון שולד געדעכטעניש
אין מיין טיפן פאַרשעם ?
אויף דער וואַנט הענגט נאָך די קליינע רעם
פאַר מיינע דערשראָקענע נעכט.

# הימלער־מוזיק

דער אָנפלי פון ווייס־שוואַרצע ביינדלעך טרויער
בענטשט די ווערגנדיקע פינגער מיט באַרוטן ציטער.
אַראָפּ אין טאָל,
צו די טיפן פון ווייטאָג,
קייקלט זיך אַ געניטער עול
און איז פאַרביי.
ס'איז וויסטער בליי
פון מענטשלעכן געשמידטן גורל,
פון זיין בלוט־און־פלייש־געוויסן.
ניט מער זיך אַליין געשמיסן.
די קייטן פון דורות פאַלן.
באַפרייט.

דאָס קינד פון אורטרויער וויינט און קייט
דעם בלוטיקן פאַנג מיט געזאַנג.
אין רשות פון זיין צירקל
ווערן פאַראייניט
ווילדער ברום און מילדער טירקל.
נאָבעלער האָניק פאַרגיסט זיינע גלידער.
ער שלעפּט זיגעריש בעטהאָווענען ביי די האָר,
ביז ער ווערט מיד און מידער
און באַשלאָפט זיך מיט אַן אייגענעם
מוזיקאַלישן צער.
פאַרוואָר.
ס'איז ניט קיין חרטה, נאָר דערהייבונג
איבערן קרבן דעם נאַר.

# די לעבנגעבליבענע

דער טאָג פון טויטן ווידערשטאַנד, אַבילות, קלאָגן
איז אויך דער יום־טוב פון לייב,
מיט יסורים דורכגעקנאָטן :
פאַרקנעכט, געטראָטן,
געפייניקט, געשלאָגן,
פאַרשעמט, פאַרשטומט.
ווי האָט איר דאָס געקאָנט פאַרטראָגן
און ניט אַרויסקומען מאָראַליש פאַרמומט ?

מיט אייערע געזעענע און באַהאַלטענע
סימנים אָן אַ צאָל
זענט איר אַ גרעסערער נס
ווי אין דעם יחזקאל־טאָל.
וואָס פאַר אַ יידישער כוח
אין אייערע אויפגעגאַנגענע ביינער ?
ניט נאָר הויט צו הויט, ביין צו ביין,
לייב צו לייב,
נאָר מענטש צו מענטש, מאַן צו ווייב,
דורך פרייד און געוויין,
דורך צער איינגעשטעלטן.
ס'מורמלען לעבעדיקע ווינטן
אַרום אויף־ס'נייאיקע הויזגעזינדן,
אויפגעשלאָגענע געצעלטן.

און איר האָט מיך פון דער גרויסער שטאָט
אויסגעשריבן — אַ געדונגענעם זאָגער און באַקלאָגער,
צווישן אייערע ליכטיקע בלוי־ווייסע רייד
איז מיין וואָרט געוועז הויל און פינצטער.
כ'האָב געטונקלט צווישן אייך,
דער איבריקסטער און מינדסטער.

שטאָט זיך שווערן, אַז אייערע יסורים
זענען מיר אייגן,
האָב איך באַדאַרפט
צו יעדן פון אייך שטיל צוגיין,
זיך מיט ערפאָרכט פאַרנייגן.

## בלויז קול

כ׳וועל פאַר דיר ווערן בלויז קול,
אַז ס׳זאָלן דיך נישט שרעקן די שטילע ביינער מיינע
אין טאָל פון אַש און פאַרברענונג.
די רייד מיינע וועלן קומען צו דיר
מיט פריידיקער דערקענונג,
אויפגעוועקט און אויפגעזונגען.
דער זשאַווערדיקער גלאָק פון צייט
האָט זיי נישט פאַרקלונגען,
נישט זייער ניגון, נישט זייער טראָפּ.

אָן־גופיק די רייד,
אָבער אַריינגעטאָן אין זיי
אַלץ וואָס מעקט זיך קיין מאָל נישט אָפּ,
ווי דו געדענקסט מיך.
הער זיך איין אין קול.
די פרייד איז פון געקייטלטער בענקשאַפט.
פון געסנאָפּעטע פלאַמען
— די בענקשאַפט פון שטאַמען
זייער פרייד, זייער פרייד.

## פֿאַרברענטער יש

אויב פֿאַרברענטער יש קאָן לאַכן,
האָט מיך דורכגענומען זיין טרויעריקער שפּאָט,
אַ געבאָט, ווי אַ פֿאַרסמטע פייל האָט מיך געטראָפן,
מיין אייטלדיק געאייל פֿאַרשעמט
און אין אַ ביטערן גליווער מיך איינגעקלעמט.

וואָס האָט איר געמיינט, איר וועט זייען מיט געזאַנג?
איר וואָס האָט זיך געראַטעוועט פֿון חורבן־רויך?
די טרויעריקע גאולות, דערגרייכטע און דורכגעפֿאַלענע,
וועלן אייך פּלאָגן אַ לעבן לאַנג,
יאָר נאָך יאָר.
ס'איז נישט קיין טויטע נקמה, נאָר אָנגעצייכנטע וואָר.

אָט נעם זיך אַליין: דער באַזונדערער קליינער אָפּמעק
פון דיין שטאַם, איז עס דען געוואָרן
די צעשאָסענע ירושה, דער שטענדיקער דערשרעק
פון דיין לעבן?
דיין רום האָט זיך ווי וואָלוועלער וויין געקעלטערט.
קיין זאַך האָט דיך אַזוי נישט גרוי געמאַכט
ווי דיינע אייגענע מעשים, וואָס האָבן דיך געעלטערט.
אָנגעפרעסן מיט נחתן און דאגות,
צוגעפּאַסט צום אייגענעם לייב און העמד,
האָסטו אונדזערע יללות און טויטן פאַרשעמט.

אַוודאי פאַרגין איך דיר די עטלעכע לעבעדיקע קאַרטאָפליעס,
די סמעטענע און ברויטן,
דאָס בראָטפלייש, די שאַרפע פלאַש,
דעם פעטן שוים.
ס׳גייט אין טראָגן אויף די פלייצעס
אַן אייביקן זאַק מיט אַש
און אים איבערענטפערן צו אוראייניקלעך,
ווי שווער ס׳זאָל נישט זיין דאָס אַש פון אַן אייגענעם בוים.

וואַרפט פאָליטישע קאָרטן, פאַרזאַמלט אייערע חכמים,
פרעגט עצות אַפילו ביי מכשפות,
האַלט פלאַמיקע רעדעס, מאַכט מיט די הענט,
זוכט פאָרטלען, געפינט מיטלען,
טוט אָן מעשענע היטלען,
לויפט לעשן די אונטערגעלייגטע
שוואַרצע, רויטע, געלע נאַציאָנאַלע שרפות —
אייער טורעמוועלט ברענט.
איר קענט מער איינער דעם אַנדערן ניט געטרויען.

ווי האָט איר גאָר געקענט מיינען, אַז מ׳קאָן גלייך בויען
אויף אַ רויך־פונדאַמענט
פון אַזאַ רציחה־אַקטיוון פאַרלענד?

# אבלים

מיר זענען אַ פאָלק פון אבלים,
ס'האָט אונדז שוין כמעט אַלץ געטראָפן.
דאָס צעקרימטע פנים פון צלם
מיט אַלע זיינע פעכיקע באַפעלן
שרעקט אונדז מער נישט.

אייער אייגענער פחד
פאַר אייער שוועל איצטער ברענט
מיט נאָך נישט געבוירענע שטראָפן.
ערב פאַרשליידערטן אונטערגאַנג
זענען די שמירשריפטן אויף די ווענט
די לעצטע פינגער־צייכנס
פון משוגענעם אָראַנג־אוטאַנג.

## ייִנגעלע

טייער ייִדיש ייִנגעלע,
ביסט אַרויס מיט דיין געלעכטער
פון אַלע פינצטערע סכנות.
ס'האָט די קויל דיין פרייד
נישט געקאָנט דעריאָגן,
ווען אַ פרעמדער האָט דיך אויף די הענט געטראָגן
און ביידע זענט איר אַנטלאָפן פון שעכטער.

קליינער פליט פון מיין צייט,
ליכטיקער יתום אונדזערער,
דאַרפן וואָלט איך דיך באַדאַרפט צושרייבן
צו אונדזער הויזגעזינד,
דיך באַדינען,
וואַרטן יעדע רגע אויף דיין באַפעל.
לערנען מיט דיר בלינדע אותיות, טראַפן,
און ווי גאָט דער גערעכטער
האָט די וועלט באַשאַפן.
און דו זאָלסט מיר שמייסן אין פנים
דיין געלעכטער
פון די פאַרבלוטיקטע וועגן
און אַלץ אויסלאַכן, אַלץ אָפּפרעגן.

# וואָלקן־ייִד

א.

דער וואָלקן־ייִד, דער גרויער,
קומט אָן מיט זיין דורכזיכטיקן טרויער.
ס׳פּאַלט אויף גלייכגילטיקע פענצטער
אַ דערשטוינטער דרימל.
דער וואָלקן־ייִד שרייבט יידישע אותיות
אויף אַ ווילד־פרעמדן הימל.
כ׳וויל זיי נעמען לייענען,
טייטשן, דערקלערן.
זיי צערינען גיך ווי טרערן,
פעדימדיקע טרערן,
איידער כ׳באַוויז צו באַשיידן זייערע מיינען.

אַ שין, בלינד אויף אַלע דריי אויגן,
ווערט געלענגלט, אויסגעצויגן,
ביז זי בלייבט הענגען אַ האַרף,
וואָס טונקלט־אָן אַ ציטער
פון אַ צעטראָטענעם געבאָט,
אויף די רויטע צלמים
פון אַ פאַרקלויסטערטער שטאָט.

די ליידיקע שול לייזט זיך אויף.
דער וואָלקן־ייד טראָגט זי אַוועק אין די הייכן.
ס׳גיבן זיך אַ ריס העק און הענט,
אָבער זיי קאָנען נישט דערגרייכן.
בלויז ביי מיר אַליין ציטערן די ליפּן,
ווי די פאַרנאַכטיקע האַרף,
ווען די באַשערטע זעאונג
שליסט מיר די אויגן,
מיט איר הייליקער שאַרף.

ב.

אַ גרויסער ברענענדיקער פּאַרצייטישער טרויער,
פון אַ פּנקס מיט צעפּאַלענע בלעטער,
האָט זיך אין מיר איינגעדענקט
און ביסלעכווייז אָפּגעשווענקט
אָקאָרשטיקע צייכנס
פון יידישע געסלעך, יידישע געוועלבער,
שולן, מצבות.

אַ פּחד האָט מיך דורכגענומען,
ווען כ׳האָב דעם וואָלקן־ייד —
פאַרשטערנט אין די אותיות,
אויף זיין יידישן הימל,
געוואָלט אייגענען, דערקענען.
די אותיות האָבן זיך גענומען באַהעפטן,
גענענען.
איך האָב די פייער־מגילה
מיט פאָרכט געלייענט :

„נאָך איידער מ׳האָט דעם גוף מיינעם
איברימווייז פון מיר אַוועקגעפייניקט,
בין איך שוין מער נישט געווען באַזונדערער טאַטע,
נאָר אַ פונק יידישע קדושה.
אַזוי זאָלסטו אַריינטייטשן מיך אין דיין ליד,
זון פון אייביקן וואָלקן־ייד״.


ר׳ לוי
יצחק׳ס
קול

## ר׳ לוי יצחקס קול

פּאַרוואָס זאָלסטו אויף אים אויסרעדן אַלדאָסבייז ?
האָסט אפשר חרטה אויף דעם דערלייז
וואָס האָסטו אים געשענקט ?
גלייבן מיר, ער האָט אויסגעיסורימ׳ט זיין רעכט
צו שפּילן קאָרטן אין הייליקן לאַנד.

ווי צו אונז ! קאָנסט נעבעך ניט
פאַרטראָגן די שאַנד,
אַז בעת דיך מאַטערן אַלערליי
האַרבע פראַגן,
פאָרט ער אַרום אויף אַ פאָלקסוואַגן.
אדרבא זאָג,
האָט ער זיך נישט פאַרדינט ביי דיר
אַביסל וואוילטאָג ?

וויסטו, שטרענגער שטראָפער,
וואָס ער האָט מיטגעמאַכט,
בעת דו האָסט געלאַכט
מיט דער פרייד פון אַן אייגענער זון ?
האָסטו געהערט דערפון,
אַז בעת האָסט געזונגען
זיי־און־שניט־לידער,
האָט מען אים פאַרפינצטערט אַלע גלידער,
קאַסטרירט מיט טויט־שרעק
יעדער צאַפּל־מענטש ?

שטרעק־זשע אויס די ברודערלעכע האַנט,
אדרבא, נעם אַרום און בענטש
דעם כח פון זיין פאַרפייניקט לעבן.
פרעג זיך מיט פאַרשטאַנד,
צי קומט אים נישט אַביסל
עולם הזה׳דיקע פרייד
שטאָט ביטערע מוסר־רייד ?

# יידעלע

יידעלע, מיין קרוין, שרעק זיך נישט פאַר די גלעקער,
פאַרן ווייערעך. אונדזערע מערדערס
וועלן אונדז באַלד פאַרגעבן
אונדזער ביסל לעבן,
וואָס איז זיי תמיד אין וועג, אַ שטרויכלשטיין.

יידעלע, נישט וויין, קרוין מיין,
הערסט דעם געבלעקערץ אויף לאַטיין ?
דאָס זענען זיי גרייט
אַן אַלטן חוב צו סילוקן,
פון אונדז אַראָפּצונעמען די שולדיקייט,
וואָס אין אונדזער צעזייט־און־צעשפּרייט
האָבן זיי אונדז נעבעך געמוזט
אַזוי מיליאָנענווייז פאַרטיליקן,
און בעת מעשה קריסטלעך ליבן,
ווי ס׳שטייט אין דער הייליקער עוואַנגעליע געשריבן.

יידעלע, מיין קרוין, שלאָף־זשע, שלאָף,
ס׳מעגן זיך דיר שוין חלומען ראָזשינקעס מיט מאַנדלען,
אַ גאַנצע נאַכט.
צוויי טויזנט יאָר האָבן זיי דיר צוגעטראַכט
די שטראָף מיט זייער בלוטיקן צלם
צו וואַנדלען.
ס׳קלינגען די גלעקער. זיי זאָגן,
אַט זענען זיי שוין גרייט
אַראָפּנעמען פון דיר די ווילדע משא
פון זייער רחמנות׳דיקן לענג־און־ברייט.

## נישט אונדזער וועלט

ס׳איז נישט געווען אונדזער וועלט.
מיר האָבן עס נישט געוואוסט.
ס׳איז נישט געווען אונדזער לעבן
וואָס מיר האָבן צו אים געגלוסט.
האָבן מיר זיך פאַרשפינט, איינגעוועבט,
דערשראָקן מיטגעלעבט, אין די ווינקלען פאַררוקט.
קיינער האָט זיך אויף אונדז נישט אומגעקוקט —
אַ חוץ דער רוצח.

מיר זענען רייך געוואָרן, געהאַנדלט,
פאַרשאַכערט אייגנס, איינגעהאַנדלט פרעמדן געשטאַנק.
מיר האָבן געעפנט ליכטיקע קראָמען,
באַקליידט און באַשוכט דעם אומדאַנק
פון פאַרבאָרוועסטע שטראָמען אָפּגעשליסנקייט.
קיינער האָט זיך אויף אונדז נישט אומגעקוקט —
אַ חוץ דער רוצח.

ווען דער טאָג איז געקומען
זענען אונדזערע קראָמען געשטאַנען צעפראַלט,
אַנטקעגן דער גנב׳טע זון
ווי אויפגעשניטענע לייבער.
מיט מערדערלעכן צאָרן
זיינען אונדזערע מיטגעלעבטע לעבנס מיט גוואַלט
פון די באַהעלטענישן אַרויסגעריסן געוואָרן.
כמעט אַלע האָבן געהאָלפן —
דעם רוצח.

## דער רייטער

גאָט, אַ פליט פון דער גויעשער וועלט,
רייט אויף מיר ווי אויף אַ מיד פערד,
פאַר אומזיסט.
וואָס דער וועג ווערט ווייטער,
מוז איך פרום שרייען צו מיין רייטער:
דו ביסט, דו ביסט, דו ביסט —
אַלץ פאַר צוגעזאָגטן שכר.

גאָט רייט אויף מיר שווער,
ער הערט זיך איין
ווי עס פרעגט אויפן וועג דער נאַר,
איין קשיה נאָך דער צווייטער:
ווי אַזוי, פאַרוואָס, פאַרוועו, וואוהין?
פאַרוואָס איז דער וועג אַזאַ צעדרייטער,
און פאַרוואָס רייטן מיר עפּעס כסדר,
אויפן וועג דורך לובלין?

דער רייטער ווערט אומגעדולדיק.
ער ווערט אין כעס:
פרעג וואָס ווייניקער, זיי נישט קיין אידיאָט,
טראָג מיך און טו מיין געבאָט,
דיין שכר וועסטו קריגן, איך בין קאַראַנט.

אויפן וועג באַגעגענען מיר אַ גע׳צלמ׳טן קריסט,
מיט אַ מעסער אין האַנט.
הער איך ווי ער שרייט אויך נאָך:
דו ביסט, דו ביסט, דו ביסט!
ער נעמט מיך מיט אַ ווילדער רציחה יאָגן.
ס׳איז מיין גאָט,
לאָז מיך אים טראָגן.

כ׳אַנטלויף מיט מיין רייטער,
אַז דער וועג אַזש ברענט,
איך ראַטעווע גאָט פון גויעשע הענט.

## זעקס טויזנט יידן

ווען זעקס טויזנט יידן
שרייען אחד,
אַרום אַ טיפֿן אויסגראָב,
פֿאַרשווינדן אַלע לאַטעס פֿון דער נאַטור.
נישטאָ קייןביימער, קיין פֿייגל,
קיין ליכט, קיין הימל,
נישטאָ קיין קאָלירן.
ס׳געשעט אויף אַ ווינקל פֿון אַ פּלאַנעט,
אָן אַטמאָספֿער.
פֿאַראַן בלויז שווער בלוט און שווערע פֿינסטערניש,
און עטלעכע דייטשע — גיפּפּעלן,
און איבער אַלע זיי — די רו,
און איבער יענער רו —
דו, דו, דו.

אַז זעקס טויזנט יידן שרייען אחד
אַרום אַ טיפֿן אויסגראָב,
אויף אַזאַ פּלאַנעט,
ווי שטאַרק דאַרף זיין זייער ראיה
אין אַזאַ חשכות
דעם אחד צו זען.

ווי לעסטערנדיק מיין אומגלויבן.
ווי ביטער־שטאַרק מיין גלויבן,
אַרום טיפֿן אויסגראָב,
טאָג און נאַכט.

## צום טאַטן אויף יום־טוב

כ׳בין געקומען פאַר׳חמצ׳ט, אין וואָכעדיקע מלבושים,
מיטן שטויב פון רעדער
און איינגעטראָטענעם הונט־קויט.
נאָך איידער כ׳האָב דיך דערקענט
און דערבליקט דיין געזיכט,
האָסטו מיר געזאָגט אומגעריכט,
פריער שטיל און באַלד געזאַנגיק און העכער —
גוט יום־טוב,
און מיר אונטערגעטראָגן דעם קידוש־בעכער,
אַז כ׳האָב קיין צייט נישט געהאַט
צו קומען צום טיש מיט געוואַשענע הענט.

מיט דעם כבוד פון אַ ליכטיקן טיש
האָסטו מיך אויפגענומען
און מיך געזעצט לעבן זיך,
אָן אויסרייד, אָן פאַרדראָסן,

אַזוי ווי איך בין צו דיר געקומען.
ס׳האָט געשלאָגן אַ בלענדיק ליכט
פון טיש און פון דיין הויט.
איך האָב אַפילו אין חלום געוואוסט,
אַז דיינע הענט זענען טויט
און דיין פרום האַרץ דורכגעשאָסן.

כ׳האָב דיך געזען און ניט געזען,
מער ווי גוט־יום־טוב האָבן דיינע ליפּן
ניט טועם געווען.
כ׳האָב דיך תופס געווען מיטן פאַרשטאַנד.
און האָב איך זיך אַוועקגעזעצט,
האָט דער טיש זיך גערירט,
אונדז איינגעשפּאַנט
און מיט אַ קרעכץ אַוועקגעפירט
אין אַ פאַרוואָרפן יידיש וועלדל,
וואו ביימער און ווילדע בלומען
שמעקן ווי יידיש געקעכץ.

דיין פרום דורכגעשאָסן האַרץ
איז שוין לאַנג געווען פאַרגליווערט, פאַרלענדט.
הלוואי אויף מיין וואונד־שולד,
וואָס האָט נאָך געבריט און געברענט
און פרישע יסורים געצונדן.
די יידישע מצוות
האָבן ווי אָרעמע שלעפּערס
אויך גענומען אָפּבינדן
און איבערבינדן זייערע וואונדן
פון הפקר׳דיקע קלעפּ —
אין ווייטן, פאַרוואָרפענעם יידישן וועלדל.

מיינע נאָזלעכער האָבן ביסלעכווייז
דערשמעקט די אָפענע הייסע טעפּ,
פון מיין אָפּגעפרעמדטער יידישער שטוב.
די שולד־וואונד האָט מיך געשניטן
מיט ביטערער שאַרף.

אַליין, אָן קינד, אָן ווייב,
אויסגעטאָן פון יעדער באַדאַרף,
האָב איך מיין גורל נישט אויסגעמיטן.
דער טיש האָט אונדזביידן
געפירט צום מיידאַנעק־גרוב
אין יידישן וועלדל.

ס׳האָט מיך פלוצים דורכגענומען,
דורכגעשווידערט אַ גרויל.
דער טאַטע האָט אויפגעהויבן
אַ טויטן פינגער צום מויל.
אויף געפאַלענע בלעטער — טריט,
נאָענט, טראָט נאָך טראָט,
אונדז פאַרביי.
שאַ. אין הייליקן, יידישן וועלדל,
באַהאַלט זיך אונדזער יידישער גאָט.
ער האָט נאָך אַלץ מורא אַרויסצוקומען
אויף דער מענטשלעכער פריי.

## כ׳טו דערמאָנען

נאָך די זאַכן וויל איך דערמאָנען,
די באַזונדערע קלענערע חורבנות,
וואָס זיינען צייטיק געוואָרן אין מיר.
די שטילע אומגליקן וואָס זיינען אין מיר אויפגעגאַנגען,
ווי קליינע שרעקעוודיקע זונען
און ביסלעכווייז פאַרגאַנגען,
אַרומגעוואָלקנט מיט אייגענע יאָרן.
נאָך די זאַכן טו איך דערמאָנען.
די באָרוועסע חלום־סטעזשקע,
וואָס האָט ווי אַ פריידיקער שניט
דורכגעבליצט דורך דער מאַפּע
פון מיין פאַרבענקטן שלאָף,
דעם שטילן וועג וואָס האָט צוזאַמענגעקרייצט
אַלע לענדער, אַלע גאַסן, אַלע הייזער,
אויף איין אויפגעשראָקענער, אויפגעוואַכטער
יידנגאַס,
וואָס האָט מיט אירע וואַרעמע שטיינער,
טוכלען געהילץ און מצבה׳דיקן ציגל
אויפגענומען מיינע אַנלויפנדיקע טריט.

די בשמים־געשעפטן,
די קאַשע־ און מעל־קראָמען,
די הערינג־געוועלבלעך,
די נאַפט־קלייטן און די געזייפטע ראַזורעס,
די שייטל־ און פּאַרוק־מאַכערס,
די מאַנדלען, טייטלען און פייגן,
דאָס פּריש־געבאַקענע זויער־ברויט,
די מאָן־און־געציבלטע־פּלעצלעך,
די חושכ׳דיקע טשייניעס,
מיט די דרימלענדיקע, שוואַרצע ווערעם
אויפן וואַרעמען פּיעקעליק,
די מאָגערע לאָנקעס,
די פּאַרדרימלטע און האַלב־לעבעדיקע בית־עלמינס,
וואָס האָבן שטענדיק באַוואַכט
דאָס אָנגעשראָקענע לעבן.

אַלץ האָט געוואַרט אויף דעם ברען און ברי,
פון דעם יינגלס סאָפּענדיקע,
אָנלויפנדיקע טריט
און איז זיך צוזאַמענגעקומען אויף דעם איינציקן,
שאַרפן און פריידיקן שניט,
פון דער חלום־סטעזשקע,
וואָס האָט געהייסן היים.

דאָס יינגל לויפט פאַרביי
און די פאַרשוואַרצטע, שטעכיקע שטיינער,
זענען באַלזאַמען צו זיינע מידע פיס.
היים. ס׳יינגל איז געקומען צוריק אַהיים.
ס׳יינגל איז נאָר־וואָס אָנגעלאָפן.
אויף איין פיצל אָרט
איז די גאַנצע אָנגעבענקטע שטאָט
אים געקומען מקבל־פנים זיין.
אויף איין שטיקל אָרט
האָבן זיך געגעבן די הענט און צוזאַמענגע׳חבר׳ט
אַלע נייגעריקע יינגלעך און מיידלעך,

כדי נישט צו פאַרנעמען צופיל אָרט,
אויף דער זיגזאַגישער חלום־סטעזשקע.
אָט־די סטעזשקע איז פאַרשניטן,
חרוב, אָפּגעווישט.

ס'איז נישט קיין סך, אפשר
איין געסל, איין טרויעריקער מויער,
האַלב־איינגעפאַלן פון אָנגעבויגענער דערוואַרטונג,
אפשר סך הכל אַ שפּאַן,
אפשר גאָר נישט מער ווי אַ פּינטל,
קוים צו געפינען מיט אַ פאַרגרעסער־גלאָז,
אויף אַ גרויסער, פאַרווּסטער מאַפּע,
אָבער דעם קליינעם, באַזונדערן חורבן,
טו איך איצטער דערמאָנען.

נאָך דאָס וויל איך דערמאָנען.
אַן אייגן לעבעדיק תנ"כל,
מיט באַוועגלעכע, שטראַלנדיקע,
שטאָלצע אָבות און אמהות.
צו מיר האָבן זיי נישט גערעדט קיין וואָרט,
ווייל זיי האָבן געמיינט,
אַז איך בין נאָך נישט געבוירן געוואָרן.
אָבער געוואוינט האָבן זיי אין מיינס אַן אייגן תנ"כל,
געפיטערט זייערע שאָף און געשלאָפן אויף שפּיציקע שטיינער.
ס'איז נאָך קיינער אַזוי נישט געבוירן געוואָרן,
אין אַן אייגענעם וויגלדיקן אָנהייב ווי איך,
און קיינער איז נאָך אַזוי נישט דערגאַנגען,
צו אַן אייגענעם אָנספקדיקן סוף.

ס'איז נאָך קיין באַזונדערער מענטש,
אַזוי באַזונדער נישט אונטערגעגאַנגען.
די קייטלענדיקע יאָרן האָבן נאָך קיין איין יחיד
אַזוי נישט אַרומגעצירקלט ווי מיך,
און אַזוי נישט פאַרלאָשן אין איין מענטשן
די אילומינאַציע פון אַ קיניגלעכן המשך,
ווי אין מיר.

די גאַנצע דערציילטע פאַרגאַנגענהייט
איז געווען פאַר מיר אַזוי גאָלדיק אמת,
ווי אַ שלאָף־געזעטיקטער נאָכמיטאָג,
ווי אַ טייערע, אָנגעגאָסענע באַרנע,
וואָס האַלט ביים אַרונטערפאַלן פון בוים.
פאַרוואָס איז מיר באַשערט געווען
אָנצוהייבן פון סאַמע אָנהייב
און דערגיין צום סאַמע סוף,
ווי צו אַ באַזונדערער אייגענער תליה ?
ערגעצוואו, אפשר גאָר לעבן דיר,
שטייען נאָך מענטשן אונטערן שאָטן
פון אַ וויגנדיקער פעטליע,
אָבער דו קוקסט אַרויף צו דיין לעצט רעפטל זון,
צום וועַרג־שלייף,
און ביסט אַליין.

צווישן מיליאָנען טויטן איז דאָס
אַ קלאָגנדיקער תשבורת,
אָבער נאָך דאָס מוז איך דערמאָנען,
דעם אייגענעם אָנהייב,
און דעם אייגענעם, באַזונדערן סוף.

אַ גרויס פאָלקס מעשה־ביכל
האָט זיך פאַרמאַכט,
אַ גאַנץ פאָלק האָט אַ קוש געטאָן
דעם טאָוול פון בלוטיקן חזק־חזק,
און געשטאָרבן מיט שמע ישראל.
אָבער אין דעם סיום, אויף דעם סאַמע אָפּגרונט,
שימלט ערגעץ מיין אייגענע קריאת־שמע,
אין אַ קינדעריש בעטל
פרומע, האַלב־פאַרדרימלטע אויגן.
אין דיין האַנט טו איך אָנטרויען
מיין נשמה.
מיין אייגענעם, לעצטן שמע ישראל
טו איך איצטער דערמאָנען.

וועו איך האָב אָנגעהייבן,
האָב איך ווי אַ קליין פישל,
גענומען שווימען אין לעבעדיקן תנ"כל.
כ'האָב אַלץ געזען דורך איין שמאָל,
טונקל־גרין אויג,
אַ רואיק אינדזעלע.
דער מינדסטער פון מיין פאָלק בין איך געווען,
און דאָס איז געווען די רבותא,
וואָס איך בין סייווי געווען אַ געקרוינטער.
מיין טאַטע האָט איבער מיין פרימאָרגנדיק בעטל גערוכנט
און אין מיר אַריינגעזונגען
אַלץ פון סאַמע־סאַמע אָנהייב.
הער, ווי גאָט שוועבט אין דיין מוח'ל,
ווי ער גראַבלט דיר דאָס הערצל,
ווי ער באַשווערט דיך צו גלייבן —
בראשית ברא.

און דו האָסט זיך געשפּילט מיט גאָט,
און געהערט ווי ער האָט דיך
געלייטזעליקט,
און דיר מבטיח געווען אַ גאַנץ לאַנד צו אַרבן.
ס'איז געוואָרן פינצטער,
האָסט מיט קורצזיכטיקע, קינדערשע אויגן
דורכגעליכטיקט די פינצטערניש
און געוואָרן דער יורש־עצר
פון אַן אייגענעם כנען.
פאַראויס איז געגאַנגען דיין פאָלק,
און נאָך אים מיט קליינע טריטעלעך,
ביסטו געגאַנגען, מיט אַן אייגענעם
געטלעכן עול אויף די פלייצעס.

ביים סאַמע סוף פון וועג איז גאָט געוואָרן אין כעס,
און ער האָט אויסגעגאָסן אויף דיין פאָלק
די גאַנצע חומש'דיקע תוכחה.
שטיקער שוועבל זענען געפאַלן דיר אין פנים,

און דו ביסט אַ האַלב־בלינדער
נאָכגעגאַנגען דעם חורבן,
און דאָס טו איך דערמאָנען.

כ׳געדענק, ווי דאָס גאַנצע לעבעדיקע תנ״כל
איז געוואָרן אַ רירעוודיקער אַקוואַריום
מיט אַזאַ פלאַטערנדיקער, שופּנדיקער פּילפּאַרביקייט,
אַז דאָס תנ״כל האָט געפינקלט
און איז געוואָרן אַרומגעזעצט
מיט טייערע איידלשטיינער,
אַרומגעז׳רשי׳ט מיט קלאָרקייט,
ביז ס׳איז געוואָרן די געטייטשטע
און לויטער־געזונגענע געשיכטע פון מיין אייגן פאָלק.
איך, דער מינדסטער,
ווי אַ שפּאָן אויסגעדאַרט,
האָב אָנגעהויבן צו הערשן
איבער אַן אייגענער אידישער געשיכטע.
איך האָב אַ געשריי געטאָן: יהי אור.

און ס׳האָבן אויפגעלויכטן
גמרות, מדרשים,
און ווי אַ פלעמלדיקער דימענט
האָט אַן אויפטוערישער מהרש״א
אַרויסגעשטראַלט פון מיין רבינס טרויעריקע אויגן,
פּרנסה׳דיקע, וואָכעדיקע אויגן,
דאגה׳דיקע, עצבות׳דיקע אויגן,
חיונה־זוכנדיקע, פאַרטרערטע אויגן,
זיפצנדיקע, דרימלענדיקע,
זעלטן־מנוחה׳דיקע, שבת׳דיקע, גן־עדן׳דיקע אויגן,
שווער און טיף געפרעגטע און מיט אַ ניגון
פאַרענטפערטע אויגן.

די צוויי טרערן אין די קעצלדיקע אויגן,
פון גרויסן גמרא־מלמד׳ס שטום טעכטערל,
זענען געווען — איינע אַ לשון־קודש׳דיקע,
און די צווייטע אַ געטייטשטע,

אַ שעמעוודיקע טרער,
אַ באַגלייטנדיקע אויף שריט און טריט,
אַ וידבר־גערעדטע,
וואָס האָט געדינט דעם לשון קודש,
מיט אַזויפיל געטריישאַפט,
וואָס האָט אויסגעזויגן ס׳לעצטע ביסל ליכט
פון אַ טונקעלן פסוק,
און אים גלייך דערלאַנגט אויף אַ פרייגעבערישער טאַץ,
ווי אַ פון גאַנצן האַרצן פאַרגונען שבת־אויבס,
צו ווייבלעך און מיידלעך,
און צו טייערע, וואַרעמע אַמעראַצים,
מיט ריזיק־גרויסע הערצער,
ווי ברייט־צעעפנטע טייסטערס,
וואָס האָבן אָנגעקוואָלן,
וואָס ס׳עפנט זיך אַ טירל, ס׳עפנט זיך דער טייטש,
ס׳עפנט זיך דער מוח,
ס׳צעפראַלט זיך דאָס גרויסע האַרץ.

ס׳איז שוין דעמאָלט געווען
אַזויפיל און אַזויפיל לבריאת העולם,
אָבער ביי מיר איז די וועלט
געווען אַ פונק־נייע,
אַן ערשט באַשאַפענע.
מיין יידיש פאָלק האָט ערשט אָנגעהויבן
ליידן פון סאַמע אָנהויב,
מיין אייגן, קליין און אָרעם פאָלק,
וואָס מיין פאַרהאָרעוועטער טאַטע
האָט פאַר מיר אויסדערוויילט.
מיין לאַנד איז געווען אַ פיצלס,
אָבער ס׳האָט געהאַלטן אין איין רינען
מילך און האָניק פון אַלע אייטערס,
און ס׳האָט דאָרטן געבליט אַן איינציקער פייגנבוים,
אַ טייטלבוים, אַן איילבערט,
אין דעם לאַנד פון מיין פאָלק,
וואָס מיין גוטער טאַטע האָט פאַר מ׳ר אויסדערוויילט.

נאָך דאָס דאַרף איך דערמאָנען:
די אויפגעציליעטע לידער
פון מיין מאַמען,
די לאַכנדיקע, קלוגע און קוים־געגראַמטע ווערטער.
די מחיה׳דיקע, מוסר־השכל׳דיקע,
איר שטיל מויל, וואָס האָט זיך אַלעמאָל
פריער קלוג באַדאַכט,
איידער ס׳האָט זיך שיין געעפנט
און אַרומגעקיילעכדיקט אַ באַטעמטן זאָג,
וואָס די גאַנצע משפחה האָט געוואַרט דערויף,
ווי אויף אַן עצה טובה.
מיין מאַמע, די שטאָלצע דינסט פון איר הויזגעזינד,
האָט צווישן שייערן, קאָכן,
און וואַשן גרעט,
מיר פאַרטרויט דאָס וואונדער
פון דעם פויעריש־יידישן גלייכווערטל,
פויעריש־איינגעזעסן אויף אייגענער ערד,
מיט אייגענע קי, אייגענע סעדער,
אייגענער סמעטענע און רויטע יאַגדעס
און געפעפערטע, האַרטע, געטרוקנטע קעזלעך.
זי, די מאַמע מיינע, האָב איך געקרוינט
פאַר דער מאַמע פון מיין גאַנצן יידישן פאָלק.
און צו איר און נאָך איר
האָב איך מיין גאַנץ לעבן געבענקט,
ווען ס׳האָט אויפגעלויכטן און אויפגעטונקלט
דאָס קליינע פינטעלע אויף מיין חלום־מאַפע.

און נאָך דאָס מוז איך דערמאָנען.
ווען כ׳בין געקומען צו איר מיט גראָטעסקע טריט,
פון אַ כלומרשט דערוואָקסענעם,
בין איך שוין געווען כמעט אַזוי אַלט,
כמעט אַזוי טרויעריק
און כמעט אַזוי קלוג ווי זי.
אָבי״ר געזוכט האָב איך שוץ, אָנלען,
ביי אַ שטאַרבנדיקער מאַמע,

וואָס כ׳האָב שוין כמעט אָנגעיאָגט אין עלטער.
כ׳האָב באַשיינפערלעך געזען
ווי דאָס שטילע, געכאָוועטע יידיש
איז אויסגעגאַנגען אויף אירע ליפּן.
אַלע קינדער־שולן, היים־שולן,
פאָלק־שולן, גאָרטן־שולן,
גאַנצע און האַלבע שולן,
יידישע גימנאַזיעס, רעאַל־שולן,
פּאַרשעמטע, נישט־געלייענטע יידישע ביכער,
אַלע האָבן געוואַרט ביי איר בעט
און איר געקוקט אין מויל אַריין.
פּלוצים האָט זי געעפנט די אויגן
און מיך משלח געווען פון צימער.
מיין קרוין, מיין אויג אין קאָפּ,
קען נעבעך נישט פאַרטראָגן מיינע לעצטע יסורים —
האָט זי שטאַרבנדיק פאַרנומען מיין צער.
מיין טייערע מאַמע, מיין קלוג מויל,
מיין אייגן מאַמע־לשון, וואָס איז אַזוי
צערטלעך אויפגעגאַנגען פאַר מיר
אין לובלינער געשעפּטשעטע פאַרנאַכטן.
מיין מאַמע־לשון, מיט דעם וועקסענעם פנים,
מיט די יסורים־דערשראָקענע,
האַלב־פאַרמאַכטע אויגן.
נאָך דאָס מוז איך דערמאָנען.

און אַז מיין צדקות׳דיקער טאַטע,
וואָס איז געווען מיין פענצטערל צו דער גרויסער וועלט,
מיין טאַטע, מיט די זיכערע, נחתדיקע טריט,
מיט די גלייביקע, בטחונ׳דיקע טריט;
אַז ער האָט מיטגענומען מיין ברודער בנימין,
מיט די גליאיקע אויגן,
און מיט בנימינ׳ס ווייב און קינד
זענען זיי אַלע געגאַנגען מיטן גאַנצן פאָלק,

האָבן זיי באַזונדערע, קליינע, געמאָסטענע, שניידיקע טריט
געמאַכט פאַר מיר.

זיי זיינען באַזונדער געגאַנגען אויף מיין שמאָלער אַלייע.
דאָרט, מיטן פאָלק זיינען זיי געגאַנגען מיט טריט,
וואָס האָבן זיך געציילט  ווי זאַמד ביים ים,
אָבער פאַר מיר זיינען זיי געווען,
באַזונדערדיקע טריט,
ווי אייגענע האַרץ־קלעפּ.
מיין אייגן פאָלק, וואָס מיט אים האָב איך אָנגעהויבן
מיין באַשאַפענע וועלט —
שפּאַנט איצט צום סוף,
מיין באַשאַפענע וועלט, וואָס האָט געהאַט אַן אָנהייב,
ברענט איצט אין די לעצטע שעה׳ן פון אונטערגאַנג.

דער גאַנצער הימל לעשט זיך.
אַ גאַנץ תנ״כל ווערט פינצטער און שטום,
אַ גאַנץ לאַנד ווערט חרוב.
ס׳גייען מיליאָנען און מיט זיי
מיין טאַטע, מיט די ווילדיקע אויגן,
מיין ברודער בנימין,
מיט צוטרויִלעכער ליבשאַפט, נאָכן טאַטן,
מיט ווייב און קינד.
און באַזונדער שפּאַנען זיי
דורך מיין חלום־סטעזשקע,
גייען פאַרביי, גייען אונטער,
און צערייסן מיין גאַנצן חלום,
ווי שפּינוועב.

נאָך די באַזונדערע קלענערע חורבנות,
וואָס זענען צייטיק געוואָרן אין מיר,
האָב איך געמוזט טאָן דערמאָנען.